דער יוד

(DER JUDE)

צײטשריפֿט

פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשײנט יעדע וואָך.

פֿערלאַג: חברה „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:

אַסטרייך-אונגארן	—.12	קראָנען.
האַלביאָהריג	—.6	״
פֿירטעליאָהריג	—.3	״
דייטשלאנד	—.10	מארק.
ארץ ישראל	—.12	פֿראנק.
אנדערע לענדער	—.15	״
אמעריקא, ענגלאנד	—.10	שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדער קליינע שורה פעטיט
20 העללער, 25 פֿפֿעניג, 10 קאפּ.

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:

גאנץ יאָהרליך	—.5	רוביל.
האלב יאָהרליך	—.3	רוביל:
פֿיערטעל יאָהרליך	1.50	רו״כ.

מען קען אויך אויסצאָהלען אין 3 ראטען:

ביים אבאנירען	— 2	רוביל
דען 1טען אפריל	— 2	„
דען 1טען אויגוסט	— 1	„

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפּ.

קראקויא, אייר תר״ס. נומר 18. Krakau. 3 Mai 1900.

אינהאלט:

א) אַ יוד אָהן חכמות. אַ יוד.
ב) די יודישע עמיגראַנטען אין לאָנדאָן. א. ע.
ג) וואָס איז ציוניזם? א. לובעצקי.
ד) צייטונגס-שטיממען. יצחק גרינבוים.
ה) פּאָליטישע איבערזיכט. י. ל.
ו) צווישען אונז גערעדט. מ. חיות.
ז) מען שרייבט אונז.
ח) די יודישע וועלט.
ט) אַלגעמיינע וועלט נייעס.
י) דאָס ביינקען. געדיכט. מ. ראָזענפֿעלד.
יא) די פֿאַמיליען-פּאַפּירען. ערצעהלונג. א. ש. פֿריעדבערג.
יב) קאליקעס. ערצעהלונג. מ. ספעקטאָר.
יג) עטליכע ווערטער איבער די זשארגאָן ליטעראטור.
צווייטער ארטיקעל. א. שולמאַן.
יד) אין חלום. פֿעלעטאָן. ש. פֿרוג.

ה. תר״ס ← וואכען-קאלענדער (לוח) → 1900

די טעג פֿון		אייר (אַפּריל) מאַי־מאַי		נייער ס.	אלט. ס.
חודש	וואָך			מאי	אפריל
ז	זונטאג			6	23
ח	מאנטאג			7	24
ט	דינסטאג			8	25
י	מיטוואך			9	26
יא	דאנערס.			10	27
יב	פרייטאג			11	28
יג	שבת	פ׳ אמור.		12	29

טאג	יאהר	קורצע פֿערצייכנונגען פֿון דער יודישער געשיכטע.
ז	ה.שע״ט	געשטאָרבען אין פּראַג ר׳ אפרים לונטשיץ („עוללות אפרים“).
ח	ד.תתנ״ו	האָבען די ערשטע קרייצפֿאָהרער געהרג׳ט פֿיעל יודען אין שפּאַרער (גזרת תתנ״ו).
„	ה.תרנ״ו	געשטאָרבען דער בעקאַנטער יורישער פֿילאַנטראָפּ באַראָן הירש.
ט	ה.קצ״ט	געשטאָרבען אין פּראַג ר׳ אביגדור קרא.
„	ה.שכ״ג	פֿאַרברענט אין מורציא (שפּאַניען) 16 אנוסים, דערונטער בעריהמטע חכמים.
י	ה.תרכט	געשטאָרבען הר״ר דוד אדמו״ר פֿון טאַלנא.
יא	ה.תתסג	„ רבנו יצחק אלפסי.
יב	ה.רל״ו	„ אויף קדוש השם ר׳ אברהם ב״ר יעקב אין פּראַג.

צו אַבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Gertrudy 19.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25,
mündlich: Twarda 6, Thür II

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodz, Cegielnianastr. 36.

„דער יוד“ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פּאָסט אונטער דער נומער 1920a Nachtrag VII.

די אַגענטען פון „דעם יוד“ אין רוסלאַנד.

אָדעסאַ: ש. האָרנשטיין (בעזאימממענני פערעאולאָק נו' 28) י. שערמאַן (רישעלעווסקאיא נו' 28); מ. שיינקין (אוספענסקאיא נו' 111); שוכהאַלטער (געזעל. „כרמל“, רישעלעווסקאיא הויז ברבש).— אומאן: מ. לאָקאַצשער.— אלקסנדריא: מ. מארנינאוו.— אלעקסאנדראווסק: מ. סטעלין.—ארגעיעוו: א. בארסוצקי.—אירקוטסק: מ. קאטץ.— באברויסק: י. גינזבורג.— בערדיטשעוו: מ. ב. קליינמאַן.— בריסק דליטא: בן־ציון ניימאַרק.—ביאַליסטאָק: ש. ליפשיץ; י. אינדיצקי; פ. מ. שפירא; מ. סוכאוואלסקי. — ביעלאיא צערקאוו: דר. י. צשערני; מו"ס הערצבערג. — באקו: ג. ל. דאָמשלאַק; מ. מ. האָראָוויץ. נ. ג. גינצבורג, הויז דאַדאַשעוו וואהנונג קאָוואלסקי.— ביעלצי: א. ד. ראָזענטהאַל.— בריצשאַני: מ. שוטיאק. — בענדערי: י. ניסענבוים. — גראָדנא:— בצלאל יפה; ה. א. יאנאווסקי (פּאָרשטאַדט).—בוכהאנדלונג ה. מיללער.— גראיעווא: א. פּיינשטיין.—דובנא: לעוו האַלפערן.—דווינסק־ב. ברעוודאַ: פ. שעפּטעל. — האמעל: מ. שניאוראוו. — וואַרשא: א. צוקערמאן (נאַלעווקי 15); הוצאת „תושיה“ (פאוויא 16); האחים לעווין־עפשטיין (געגשא 5); נחמיה צערנאָוויץ (דזיקא 16); ב. שיינפּינקעל (רימארסקא 3); א. י. שפירא. — ווילנא א. מאשעוויצקי (אנדרעיעווסקאיא, הויז באק); י. ל. עפעל (טראקסקאיא); יצחק פּונק. — וואלקאוויסק: יצחק וועלוועלעוויץ. — וויניצא: ש. רובינשטיין; יעקב צוויזמער. — ווערזבאלאווא נ א. מ. לעווין. — זאוויערציע: גאנצוויך. — זיטאָמיר הירש עפשטיין; א. סקאמאראווסקי. — זגוריצא: מ. בעקקער. — חארקאוו: פּערלאג „אולעי“, — האטין: קאַרל רייסס. — טאלטשין: ג. פיטאוועצקי. — יעליסאוועטגראד; ג. סלוצקי. — יעקאטערינאסלאוו: י. מ. מארקאָווסקי. — לאָדז: ס. האכבערג, צערגעלניאנא 36; יוסף זילבערשטראָם (פעטראקאווסקא 50). — לובלין: ע. זינגער. — מאָסקוי: דר. ברומברג (פאקראָווקאַ הויז שישילעוו).— מינסק: י. נפך; מ. האלפערן; י"נ גאָלדבערג. — מעזריטש: ש. ב. מיניץ. — מאהילעוו גוב.: ש. יפה. — מאזיר: איסר פּישמאַן. — ניעזשין: ב. שניאורסאָן.— ניקאלאיעוו: ט. סקאבליאנקאוו (מאסקאווסקאיא 32).— נעסוויזש: ג. סלאנימסקי.— סקאפין: א. קאפלאן. — סאראקי: ש. היללס.— סייני: א. בערנשטיין.— סלוצק: ש. רייסער.— סלאנים: י. ריעזניקאווסקי. — סטארא־קאנסטאנטינאוו: מ. מ. ראַבינאָוויטש. — סמאָלענסק: א. איזראעליטאן.— סובאלקי: דניאל ראָזענטהאַל. — פאלטאווא: מ. באראכאוו (מאנאסטירסקאיא). — פינסק: פּ. בארנאדסקי.— אייזיק גאָלדמאַן. — פעטראקאוו: מ. פּיינקינד. — פלאצק: ג. מיניץ; ה. פלאנסקער. — פעטערסבורג: ש. ראפאפארט (זאבאלקאנסקי 7); מ. זק"ש (גאראחאוואיא 29); א. פּ. קרושצאנסקי אלעקסעיעווסקאיא 4/21.—פראסקוראוו: מ. סאבאל.—פרילוקי: סופעניצקי.— צשיטא (סיביר): א. וו. שפירא.—קישינעוו: ל. ווילענסקי; פ. אווערבוך; ש. בערליאנד; מ. פינקעלשטיין. — קאוועל: ה. געללער.— קאלוואריא: י. אראנאוויץ.— קאליש: ש. וועלטסמאַן.— קיעוו: ש. ראבינאוויץ (שלום עליכם) (ב. וואסילקאווסקאיא 5); י. שעפּטעל; א. איזגור; נ. ג. בערהאָלצעוו (מארינסקא־בלאגאוויעשצע נ' 8). — קיעוו־דעמיעווקא: אווסיאוויץ.— קיידאני: יצחק דאָם.— קרעמענצוג: אליעזר שלעז; ט. שלענסקי; ז. יודעלעוויץ; מ. ראַבינאָוויץ.—קאָוונא: י. הארוויץ (מעדראוויץ).—קאמענעץ פאד.: מ. פּ. זיידמאַן.— ריגא: ג. לעוויטאס; ג. קאצענעלענבאָגען. — ריעזיצא: ב. שערעשעווסקי.— ראדאם: אדאָלף צוקער.— ראוונא: ז. קניאזשער.—ראסטאוו ע"נ דאן: ה. שערשעווסקי.

פּריילינגן און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פּרעגט אָן ביי

Госпожѣ Найдичь, Давидъ — Городокъ Минской губ.

! ובשלת ואכלת !

די בעסטע נאַפּט-קאָך מאַשינקע, ברענט אָהנע קנויט, אָהנע פאָמפען, קאָפּצעט ניכט און גיבט קיין גערוך, קאָכט וואַסער אין פּערשיעדענע שפייז זעהר שנעל, פּערברויכט ניט מעהר ווי $_{2}$/' קאפ' נאַפּט אין אַ שטונדע, זעהר ניצליך און שפאַרזאָם צו יערען איינציגען הויזגעברויך. דיעזע נייע ערפּונדענע, פאַטענטירטע מאַשינקע קאָסטעט נור 1,50 ר', מיט פּערפאקונג און פאָ־טאָ 2 רובעל. קויפּלייטע ווירד געגעבען ראבאַט.

עס ווירד פּערזענדעט אויך פער נאַכנאַהמע ביי ערהאַלטען פּון 50 קאָפּ אין פּאָסטמארקען.

אויך פּערפּערטיגט די פּאַבריק קאָכמאשינקעס וועלכע קאָכען 2 טעפּ מיט א מאָל, פּרייזקוראנטען פּראנקא.

אדרעס:

И. Французу Варшава Долная 51.

וויכטיגער האנדעלס-ארטיקעל

צוקערין מארקע „Heyden“

300 מאל זיסער אלס צוקער

קריסטאללאזע 440 מאל זיסער אלס צוקער

אין אללע פערשיעדענען פּאַקקונגען.

דער בעסטע אונד בילליגסטע ערזאטץ פאן צוקער. גראססע אונד בילליגסטע עקאנאמיע פיר הויז ווירטשאפט און פיר יעדע פאבריקאציאן ווא צוקער געברויכט ווירד.

◆

הויפּט פּערקויף ביי״א:

I. B. SEGALL אין ווילנא

אונד אדעססא.

יוסף לקח.

ספר מקרא לבני הנעורים, יכיל דברי חפץ רבים ונכבדים הוצאה רביעית בהוספות רבות. מחירו 25 קאָפּ. נמצא למכירה בכל במה"ס וביד המחבר

מ. קפלן, ווארשא, דזיקא 17 או אצל:

Издательство Ахіасафъ Варшава.

נור מיט עטליכע רובל

קען יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן אָרט אַ גוטע פרנסה איינפּיהרען, אַזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך אַ בריעף געגען אַ 7 קאָפּ' מארקע

אדרעסירען:

Варшава, Найдичу До востребованія.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 18.

דער יוד

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
גאַנץ־יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב־יאָהרליך —.3 רוביל.
פֿירטעל־יאָהרליך 1,50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 "
דען 1טען אויגוסט — 1 "

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפּ.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אֶסטרייך־אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 "
פֿירטעליאָהריג —.3 "
דייטשלאַנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אַנדערע לענדער —.15 "
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען): פֿיר יעדע קליינע שורה פעטיט 20 העלער, 25 פֿפֿעניג, 10 קאפּ.

Erscheint Donnerstag.

צייטשריפֿט
פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.

פֿערלאַג: חברת „אחיאסף".

Krakau, 3 Mai, 1900. נומר 18. קראַקויא, אייר תר"ס.

אַ יוד אָהן חָכְמוֹת.

אַז איהר וועט פֿרעגען אַ יודען פֿון די „אַמאָליגע", אַ יודען פֿון דער אַלטער וועלט: „זאָגט נור, רֶבּי־קָרוֹב, פֿון וואַנען נעהמט זיך וואָס איהר זענט אַ יוד, און פֿאַר וועלכען מין יוד רעכענט איהר זיך?" — וועט ער אויף אייך אויסשטעלען אַ פּאָר פֿערוואונדערטע אויגען, ווי איינער רעדט: ווי פֿאַלט עס איין אַ מענשען מיט קלאָרען פֿערשטאַנד צו פֿרעגען אַזעלכע מְשׁוּנֶה שַׁאֲלוֹת? איך בין אַ יוד ווייל איך בין אַ יוד; ווי אַזוי, אַ שטייגער, קען דען אַנדערש זיין? און וואָס פֿאַר אַ יוד — דאָס איז אויך אַ שענע שַׁאֲלָה! איך בין מיר אַ יוד ווי אַלע יודען, אַ פָּשׁוּטֶ'ער יוד אָהן חָכְמוֹת!

אַ יוד אָהן חָכְמוֹת — דאַרף מען עפּיס האָבען לאַנגע און ברייטע פֵּירוּשִׁים אויף אַזעלכע פָּשׁוּטֶ'ע און קלאָרע ווערטער? אַ יוד אָהן חָכְמוֹת הייסט אַ פָּשׁוּטֶ'ער יוד וואָס האָט אַ נאַטירליך יודיש געפֿיהל, וואָס אין האַרצען פֿיהלט ער זיך צוגעבונדען צום יודישען פֿאָלק מיט אַ נאַטירליכער פֿעסטער ליעבע, פונקט ווי אַ דייטש, אַ פֿראַנצויז און ד. ג., יעדער צו זיין פֿאָלק; אַ יוד וואָס פֿיהלט בֶּאֱמֶת אַז „כָּל יִשְׂרָאֵל חֲבֵרִים", אַז אַלע יודען אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטען זענען אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, אונזערע ברידער, אונזער אייגען פֿלייש און בלוט.

אַזאַ יוד קען גאָר נישט אָנהויבען צו פֿערשטעהן ווי עס קען זיך גאָר לעגען ביי אַ מענשען אויפֿ'ן מֹחַ, אויף איין רֶגַע אֲפִילוּ, אַ מִין ווילדע שאלה: צי איז דאָס יודישע פֿאָלק אויך אַ בעזונדערע נאַציע? ביי איהם אין די אויגען קומט עס אויס גלייך ווי איינער זאָל זיך אַריינלאָזען אין חֲקִירוֹת „צי איך בין בֶּאֱמֶת איך און דו ביזט דו?".. אַזאַ יודען וועט קיינמאָל נישט איינפֿאַלען צו זוכען אַ „הֶיתֵּר" פֿון די היינטיגע פּוֹסְקִים, פֿון די „לעצטע אַחֲרוֹנִים", אַז ער מעג פֿיהלען ליעבע צו זיין פֿאָלק און ער איז מיט דעם חָלִילָה נישט עוֹבֵר אויף עפּיס אַ דין פֿון די נייעמאָדנע שֻׁלְחָן־עָרוּךְ'ס... ביי אַזאַ יודען איז דאָס יודישע געפֿיהל איינגעוואָרצעלט טיעף אין דער נְשָׁמָה, אַזוי אַז נישט נור קיין שום זייטיג ווינטעל, וואָס בלאָזט פֿון דרויסען, נאָר אֲפִילוּ דער גרעסטער שטורם־ווינד איז נישט אין שטאַנד צו ריהרען עס פֿונ'ם אָרט.

און דאָס אַלעס קומט אויס אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירליך, גלייך ווי ס'איז נאַטירליך דאָס ליעבעס־געפֿיהל צווישען אייגענע צוויי ברידער. אין דער אמת'ען, איין ברודער האָט ליעב דעם צווייטען פֿון קינדווייס אָן מיט אַ ריינער נאַטירליכער ליעבע — איז דען מעגליך אַז שפּעטער, ווען ער וואַקסט־אויס און קומט צום שֵׂכֶל, זאָל איהם אַרויף אויפֿ'ן זינען פּלוצים גאָר צו נעהמען קלינגלען זיך מיט מיני חֲקִירוֹת וואָס הייסט אַזוינס ברידערליכע ליעבע און צי מע דאַרף און מע מעג ליעב־האָבען אַ ברודער מעהר פֿון אַ אַנדער נֶפֶשׁ, וואָס איז אויך אַ גאָטס בעשעפֿעניש ווי דער ברודער? אָדער ער זאָל גאָר נעהמען בעטראַכטען דעם ברודער זיינעם פֿון אַלע זייטען און דערנאָך אַרומקוקען זיך אַליין אין שפּיגעל, כְּדֵי אַרויסצוזעהן און איבערצייגען זיך אַז ער האָט אויך ווי יענער, לְמָשָׁל, אַזאַ שפּיציגע נאָז, אַזאַ ברייטען שטערן און נאָך אַזעלכע סִימָנִים, און אויב נישט — איז איינגאַנצען אויס ברודערשאַפֿט, ער קעהר זיך מיט איהם כלל נישט אָן און מוז זיין צו איהם גלייך ווי אַ פֿרעמדער?...

ניין, צו אַזאַ זאַך וואָס איז נאַטירליך זוכט מען נישט צו בענוצען קיין פוסטע חֲקִירוֹת, קיין פֿוילע חָכְמוֹת.

צו אונזער גרויסען אומגליק אָבער ווערט ביי אונז אַלץ ווינציגער „יודען אָהן חָכְמוֹת". פֿיעל פֿון היינטיגע יודען ווייסען שוין נישט צו זאָגען פֿון אַ ריינער ליעבע צו זייער אייגען פֿאָלק, פֿון אַ נאַטירליכען הייסען קוואַל וואָס געהט אַרויס גלייך פֿון האַרצען. זיי קלינגלען זיך שוין, זוכען אַלץ חָכְמוֹת און איבער־הַסְבָּרוֹת. זיי ווייסען שוין נישט קיין אֱמֶת'ען טַעַם פֿון אַ פָּשׁוּט יודיש געפֿיהל, זיי הייבען שוין נישט אָן צו וויסען דעם פּראָסטען פְּשַׁט פֿון אַזאַ נאַטירליך געפֿיהל ווי ליעבע צום פֿאָלק, ליעבע צו אונזערע יודישע ברידער; זיי קלערען שוין עפּיס אויס אַלץ אַזעלכע זייטיגע פֿערשיעדענע מִינִים סוֹדוֹת און רְמָזִים, זיי שיטען אויף דעם אָן גאַנצע בערג פֿון פֿערדרעהטע דְּרָשׁוֹת און איבערגעשפּיצטע חֲקִירוֹת, אַז עס הויבט זיך אַ שרעקליכער שטויב ביז'ן הימעל...

מיר ווילען דאָ נישט שמייסען פֿון אַזעלכע מאָדנע „אויפֿגעקלערטע" יודען וואָס ווילען גאָר נישט הערען און זעהן פֿונ'ם אַלטען יִשְׂרָאֵל, וואָס ווילען גאָר נישט וויסען אַז זיי האָבען עפּיס וואָס־עס־איז אַ שַׁיְכוּת מיט יודען און יודישקייט, וואָס זוכען אַלע מיטלען זיי זאָלען קענען אַרויסשפּרינגען פֿון זייער אייגענער הויט, טהוען־אויף אַלערליי הַמְצָאוֹת מע זאָל זיי קיינער חָלִילָה נישט קענען חוֹשֵׁד זיין אַז זיי קעהרען זיך אָן מיט יַעֲקֹב'ס אייניקליך. אַזעלכע לייט, פֿערשטעהט זיך, האָבען נישט קיין סִימָן פֿון קיין יודיש געפֿיהל, און אויב עס געפֿינט זיך יאָ עפּיס אַ ברעקיל ביי זיי אין האַרצען, אין ערגיין אַ פֿערשטופּט ווינקעל, מעגט איהר זיך פֿערלאָזען אויף זיי אַז זיי וועלען שוין זעהן אָנצוטהון אַלע כּוֹחוֹת צו פֿערשטיקען עס אַזוי, אַז ס'זאָל קיינמאָל קיין תְּחִיַּת־הַמֵּתִים נישט אויפֿשטעהן...

נאָר נעהמט אֲפִילוּ די דאָזיגע וואָס רעכנען זיך שוין כְּלוֹמֶרְשְׁט פֿאַר אֱמֶת'ע יודען מיט שטאַרקע יודישע געפֿיהלען, בעטראַכט נור גוט אונזערע היינטיגע יודען וואָס רופֿען זיך אֲפִילוּ מיט די נייע נעמען נאַציאָנאַליסטען אָדער גאָר ציוניסטען — ווי דין, ווי שוואַך איז ביי אַ טהייל פֿון זיי, און מע מעג זאָגען ביי אַ גרויסער טהייל, די נאַטירליכע פֿעדעם מיט וועלכע זיי זענען געקניפּט און געבונדען צו יודען און יודישקייט! אַז איהר וועט הערען זייערע טַעֲנוֹת מיט די רְאָיוֹת פֿאַר וואָס אַ יוד איז מְחוּיָּב צו זיין דַּוְקָא אַ נאַציאָנאַליסט אָדער אַ ציוניסט, אַז

איהר וועט הערען זייער וִדוּי ווי זיי זענען זיך גאָר אָפֿענהערציג מִתְוַדֶה פֿאַר'ן עוֹלָם פֿאַר וואָס זיי אַליין האָבען זיך געשטעלט אונטער אונזער פֿאָלקס־פֿאָהן — וועט איהר תֵּיכֶף אַרויסזעהן אַז איהר האָט דאָ נישט צו טהון מיט פְּשׁוּט'ע נאַטירליכע יודען, מיט יודען אָהן חָכְמוֹת. ניין, דאָס איז אַלין גֶעמְלָאכָה'ט, געקינצעלט, דאָס איז גלאַט אַ „אידעע", אַ מִין געדאַנק וואָס שוועבט־אַרום אין דער לופֿט און איז נישט אַריין אין בלוט פֿון אַלע אֵבָרִים, אָדער אַזעלכע געפֿיהלען וואָס ציהען־זיך גאָר פֿון אַ זייטיגען קוואַל נישט פֿונ'ם טיעפֿען האַרצען. דאָס יודישע געפֿיהל פֿיהלט זיך נישט ביי זיי אין האַרצען רעכט היימיש, ווי אַ אייגענער בַּעַל־הַבַּיִת ביי זיך, נאָר ווי אַ פֿרעמדער שָׁכֵן וואָס האָט געדינגען אַ דִירָה אויף אַ קורצין שטיקיל צייט און מע קען איהם שטענדיג אָבזאָגען פֿון שְׁכֵנוּת.

אַז איהר וועט וועלען אָנווייזען אויף אַזעלכע נאַציאָנאַליסטען און ציוניסטען, וואָס זענען געוואָרען אַנהעננער פֿון זייער „אידעע" נור פֿאַר צָרוֹת, דאָס הייסט פֿאַר יודישע צרות — וועט איהר גישט דאַרפֿען לאַנג זוכען. יודען איז שלעכט, יודען איז ביטער און פֿינסטער, די שׂוֹנְאֵי־יִשְׂרָאֵל פֿרוכפערען און מעהרען זיך און ווערען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, דערפֿאַר טאָר אַ יוד אין אַזעלכע שלעכטע צייטען, אין אַזאַ ביטערער נויט, נישט דערווייטערען זיך פֿון זיינע אומגליקליכע ברידער. דעריבער מוז ער זיך האַלטען נאָענט צו זיין פֿאָלק און זעהן ווי ווייט מעגליך מיט צוהעלפֿען איהם ער זאָל קענען קומען צו עפּיס אַ יְשׁוּעָה. אַזוינע מִינֵי טַעֲנוֹת קען מען הערען גאַניץ אָפֿט פֿון פֿיעל אונזערע יודישע „יודענפריינד".

נישט אומזיסט זעהט מען ווי אַ טהייל פֿון אונזערע אַלטע חוֹבְבֵי־צִיּוֹן און נאָך מעהר פֿון די נייע ציוניסטען מיהען זיך צו דרינגען און אויסווייזען אַז דער אַנטיסעמיטיזם, די שִׂנְאָה צו יודען, ווערט חָלִילָה נישט אָבגעשוואַכט אין אונזערע צייטען, פֿערקעהרט עס שטאַרקט זיך נאָך פֿון טאָג צו טאָג. די אַלע וואָס דרינגען אַזוי טהוען עס נישט דערפֿאַר ווייל זיי ווילען שטאַרקער ווירקען אויף אַנדערע, אויף דעם פּראָסטען עוֹלָם. ניין, זיי ריידען פָּשׁוּט פֿונ'ם האַרצען דאָס וואָס זיי אַליין פֿיהלען. ווען נישט דער שָׂטָן, דער אַנטיסעמיטיזם, פֿערשטעהען זיי אַליין אויך נישט וואָס טויג דאָס בלאָזען שוֹפָר... אָהן דעם שטאַרקען קוועטשען און שטופּען פֿון דרויסען וואָלטען זיי אַליין אויך געשטאַנען ווייט־ווייט פֿון זייער פֿאָלק. און דערפֿאַר טאַקי ווען זיי דערמאָנען אַזאַ לאַנד וואו דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט זיך נישט אַזוי שטאַרק פֿיהלען, ווי ענגלאַנד לְמָשָׁל, בעמיהען זיי זיך אויסצודרינגען אַז די דאָרטיגע יודען אֲפִילוּ דאַרפֿען אויך נעהמען אַ טהייל אין דער פֿאָלקסבעוועגונג, כְּדֵי מיטצוהעלפֿען יענע אומגליקליכע יודען וואָס געפֿינען זיך אין די וויסטע און פֿינסטערע לענדער, אָדער זיי נעהמען גאָר אויסווייזען אַז דאָרט, אין יענער גוטער מְדִינָה, הויבען זיך שוין אויך אָן אַרויסצוווייזען שלעכטע סִימָנִים, דאָרט הויבען זיך אויך אָן צונויפֿקלויבען שוואַרצע וואָלקען צו פֿערדעקען די ליכטיגע זון, און אָט־אָט גאָר אין גיכען וועט אויסברעכען אַ שרעקליכער מַבּוּל פֿון אַנטיסעמיטיזמוס...

פֿערשטעהט זיך, אַז אויף אַזעלכע יְסוֹדוֹת קען מען נישט נעהמען בויען קיין פֿעסטע פֿאָלקס־בִּנְיָנִים. וועה איז שוין דאָס ברודערשאַפֿט וואָס לאָזט זיך פֿיהלען נור דעמאָלט ווען דער ברודער ליגט אויפֿ'ן קראַנקען בעט אָדער ווען ער שטאַרבט פֿון הונגער און נויט. ווי שטאַרק איז שוין געפֿאַלען אונזער אָרים פֿאָלק אַז זיינע „פּאַטריאָטען" רעכנען אויך פֿאַר נייטהיג זיך האַלטען אין איין „פֿערענטפֿערען" פֿאַר וואָס זיי טראַכטען פֿון איהם צופֿיעל, ווייל ס'איז איהם נעביך שלעכט. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, צווישען אַנדערע אוּמוֹת־הָעוֹלָם, וועט איהר נישט געפֿונען אַזעלכע פּאַטריאָטען וואָס זאָלען קומען צו אַזאַ נידעריגע מַדְרֵגָה צו זאָגען אַז דערפֿאַר זענען זיי איבערגעגעבען זייער פֿאָלק און האָבען

פֿעליעטאָן.

אין חָלוֹם.

אַ באָבּע מַעֲשֶׂה פֿון מָשִׁיחַ'ס צַייטֶען.

I.

נָאך מְלַוֵה־מַלְכָּה.

שבתנאכטס, אין אַ שטעדטיל אויפֿ'ן טייך דניעפּר, איז געזעסען ביי'ם טויער פֿון רב אברם־שלום דעם גביר'ס הויף ישראליק דער סטאַראָזש.

ליכטיג און וואַרעם איז געווען די שענע זומער נאַכט. אַ ליעבע פֿרישע קיהלקייט איז צוגאַסען געווען אין דער לופֿט און אַ זיסער דרימעל האָט ארומגעוויקעלט די אַלטע אַקאַציעס און די גרויסע, הויכע פּאַפּעלבוימער אין רב אברם־שלום'ס גאָרטען.

דאס גאַנצע שטעדטיל איז שוין געשלאָפֿען שטיל און רוהיג אַזוי ווי עס שלאָפֿט זיך אין אַ קיהלען זומער־אַבענד נאָך אַ לאַנגען הייסען טאָג. אַפֿילו ביי'ם אַפּטהייקער איז שוין געווען פֿינסטער אין זאַל — אַ סימן אַז מע האָט שוין דאָרטען אויך מלוה מלכה געווען מישטיינגעזאָגט. דאָס הייסט געקאָנטשעט די אָקאָ מיט'ן ראַמס די געסט אַוועקגעגאַנגען אַהיים און דער בעל־הבית געלעגט זיך שלאָפֿען.

ישראליק, אַ יוד פֿון אַ יאָהר פֿיער־פֿינף און זעכציג, אַ הויכער, אַ בַּארערי מיט אַ שיטער גרויע בערדיל און מיט אַ בעלמע אויף דער לינקער אויג, איז אַ האַלבע שעה צוריק אַרויסגעגאַנגען פֿון הויף, צוגעמאַכט די פֿאָרטקע און געטהון אַ לאַנגען הילכיגען פֿייף. אויף דעם פֿייף האָט זיך דערהערט אַ פֿרעהליכער ביל מיט אַ קוויטש, פֿון אונטער דעם טויער איז ארויסגעקראָכען אַ היפּש קאָלטונאָוואַטע הינדטיל איינגעוועלגערט אין היי און אין שפּענדליך און האַט גענומען שפּרינגען און טאַנצען ארום ישראליקען.

ישראליק האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ גראָבען אַלטען סוואָלאָק, וואָס איז שוין כמה יאָהרען געלעגען דאָ ביי'ם טויער, האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעם אַ פֿלעשעלע, אַבגעשטעקט עס און צוגעלייגט צו די ליפּען.

דאָס הינדטיל האָט אויפֿגעהערט צו טאַנצען, האָט אויפֿגעהויבען די אויערליך מיט'ן פֿייכטען, שוואַרצען נעזיל און אבגעשטעלט זיך קוקען — וואָס טהוט־דאָס ישראַליק.

ישראליק האָט אָבגענומען פֿון מויל דאס פֿלעשעלע, אָבגעדיכעט זיך און מיט אַ שמייכעלע אָקוק געטהון אויפֿ'ן הינדטיל.

— ווילסט ?... פֿע, באַרבאָסקע, משקה ניט פֿאַר דיר... אַ כלב טהאָר ניט... אַ יוד להבדיל — יאָ... אַ יוד איז מלוה־מלכה... נאָר וואַרט אויס, איך האָב עפּעס נאָך, אויף וואס דו ביסט אויך אַ מבין... אט נאַ — א שטיקיל קיכיל. פֿאַרבייס... ישראליק זאָל לעבען האָט גענומען אַ טרינק בראָנפֿען און דו, באַרבאָסקע, פֿאַרבייס... אט אַזוי, כלב, נשקשה, מעגסט אייך הנאה האָבען פֿון דער בעל־הביתטעס קיכליך... עס, צוציקיל, עס, און לאָז דיר טאַקי וואהל בעקומען... אָח־אָח־אָח! גאָטעניו! וויפֿיעל דאַרף אַ מענש אינגאַנצען ?... אודאי, אַלערליי מענשען פֿאַראַנען און יעדעס גאָטעס־באַשעפֿעניש האָט זיך זיין בעדערפֿעניש: רב אברם־שלום דער גביר דאַרף קאַזיאָנע פּאָדריאַדען; מיכל דער מלמד — תלמידים, גלאַזבערג דער אַפּטייקער — רעצעפּטען... און וואָס דאַרף ישראליק דער סטאָראָזש — דאָס הייסט איך טאַקי? גאָר נישט... גאָ־אָר נישט! איך, ישראליק, דאַרף זיצען נעבען טויער און קוקען אויף דער לבנה... סקאָצעלקומט, גוטנאַבענד לבנה'לע! וואָס מאכסטו? ווי געהט עס דיר?... ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען דאָס איז נאָך פֿון נחים צייטען־אָן — ס'הייסט איך מיט דער לבנה... איהר געדענקט דאך בשעת דעם מבול — געגאַנגען פּאָרליכוויים: א הענדיק מיט אַ הענדיצקע, אַ מלמד מיט א ציעג (וואָס הריזעט־אָב די יונגע בוימעליך...), אַ קברת־מאַן מיט אַ קאַצקע (ווייל זי האָט אויך ליעב „דעם טרינק"...), און איך, ישראליק, ווייסט איהר, מיט וועמען? — מיט דער לבנה... לאַכט ניט! צוואָנציג יאָהר שוין איז עס לעבט זיך אַט דאָס שענע פּאָריל: איך און זי; איך זיץ ביי'ם טויער און זי אין הימעל; יעדען אבענד געהען מיר אַרויס ביידע צו היטען רב אברם־שלום'ס פֿאַרמעגען... באַרבאָסקע — זאָגט איהר? עט, א לא־יחרצ'ל... גלאַט אַזוי, על פּי מנהג: א סטאָראָזש דאַרף האָבען נעבען זיך אַ הינדטיל כמו אַ גוטער־יוד להבדיל — אַ גבאי, אַזוי ווי אין־פּסוק שטעהט: בגבאי יבא, בגבאי יצא... אַ הונד איז בכלל ניט אַ יורישע זאַך... באַרבאָסקע! ציץ, ממזר!!. עהע, איהר זעהט? אַ הונד האָט מורא פֿאַר אַ יודען!... און אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט: גנבים, איז ביי אונז אין גאַנץ הושענאווקע, זינט איך בין אַ סטאָראָזש, געווען סך הכל דריי גנבות: אַ קוואָצקע מיט זיעבען הינדעליך, אַ פֿאַלומיסאָק מיט שבת'דיגע פֿיש און אַ קוגעל אין אַ זעקעלע. און וואָס מיינט איהר? אפשר גלאַט אַזוי

ליעב זייערע ברידער ווייל זיי זענען איצט געפֿאַלען, ס'איז נעביך אַ רַחֲמָנוּת...

אָפֿטמאָל הערען מיר אין דער לעצטער צייט די געוויסע ליעדעליך, אַז דער ציוניסטישער געדאַנק האָט אַרומגענומען אַרום־און־אַרום אַלע יודישע שטעדט און געלאָזט טיעפֿע וואָרצלען אין אַלע קלאַסען. נאָר נישט רעדענדיג פֿון דעם אַז דאָס אַלעס איז שרעקליך איבערטריבען, שטעהען פֿיעל פֿון די דאָזיגע, אֲפִילוּ וואָס זענען באמת צוגעשטאַנען צו דער נייער בעוועגונג, זעהר נישט אויף קיין פֿעסטען יְסוֹד. וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען, לאָז נור דאָס ווינטעלע געבען עפּיס אַ דרעה, לאָז נור אין דער מְדִינָה עטליכע אַנטיסעמיטען האָבען אַ רעכטע מַפָּלָה, אָדער אין יענער מְדִינָה זאָל מען עפֿנען פֿאַר יודען די טויערען פֿון אַ פּאָר נייע שטעדט, — דעמאָלט וואָלט דאָס גאַנצע יודישע פּאַטריאָטיזם ביי אַ סך פֿון אונזערע נייע פּאַטריאָטען צעשמאָלצען געוואָרען ווי שניי פֿון אַ הייסער זון. דעמאָלט וואָלטען מיר געהערט פֿון די אייגענע פֿייגעל גאָר אַנדערע ליעדער...

און דאָס איז אַלץ דערפֿאַר וואָס מיר האָבען היינטיגע צייטען צופֿיעל „יודען מיט חָכְמוֹת", יודען גֶעמְלָאכָה'טע, געקינצעלטע, אָהן נאַטירליכע יודישע געפֿיהלען.

ווער אָבער איז אין דעם שולדיג? געוועהנליך קען מען געפֿונען פֿערשיעדענע סִבּוֹת צו דער טרויעריגער זאַך, נאָר נאָך אַלע זאַכען פֿאַלט דער גרעסטער שולד אויף די עלטערן, וועלכע האָבען געגעבען זייערע קינדער אַזאַ ערציהונג אַז ס'איז פֿון זיי אויסגעוואַקסען אַזעלכע מִינֵי יודען.

עס איז גאָר נישט שווער צו מאַכען אַז אַ קינד זאָל נישט וויסען אפילו פֿון קיין נאַטירליכע ליעבע צו אייגענע עלטערן, מע דאַרף נור פֿון קינדוויס־אָן אָפּרייסען עס און האַלטען ווייט פֿון זיי, עס וועט געוויס אויסוואַכסען אָהן אַ נאַטירליך געפֿיהל פֿון אַ קינד צו זיינע עלטערן. היינט וואָס איז דאָ דער חִידוּש אַז עס וואַכסען־אויס יודישע קינדער אָהן יודישע געפֿיהלען. פֿון וואַנען זאָלען זיך נעהמען צו די קינדער אַזעלכע געפֿיהלען אַז די עלטערן קוקען זיך אויף דער זייט גאָר ווינציג אום, זיי זעהען נישט איינצופֿלאַנצען אין די ווייכע הערצליך פֿון די יונגע קינדער ליעבע צו זייער פֿאָלק, איינפֿלאַנצען נישט מיט הוילע ווערטער, מיט פּוסטע דבּוּרים, נאָר מיט אַ רעכטער יודישער ערציהונג אַז זיי, די קינדער, זאָלען וויסען ווער זיי זענען, זאָלען וויסען אונזער תּוֹרָה, אונזער שפּראַך, אונזער געשיכטע, זאָלען וויסען פֿון יודישע שַׁבָּתִים און יָמִים־טוֹבִים און דערגלייכען.

לאָזען וואָס מעהר עלטערן ביי אונז פֿערשטעהן ווי עס דאַרף צו זיין אַז עס ליעגט אויף זיי דער הייליגסטער חוֹב איבערצוגעבען זייערע קינדער דעם בעסטען טהייל פֿון דער אַלטער יודישער יְרוּשָּׁה, דעמאָלט וועט אונזער אָרים פֿאָלק וואָס ווייטער אַלץ מעהר רייכער ווערען מיט עכטע יודישע קינדער, מיט „יודען אָהן חָכְמוֹת". יודען מיט אֱמֶת'ע יודישע געפֿיהלען, וואָס זענען פֿעסט צוגעבונדען צו זייער פֿאָלק און זענען איהם איבערגעגעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען אין ליידען און אין פֿריידען, אין גוטע צייטען ווי אין שלעכטע צייטען, אָהן אַ שׁוּם אונטערשיעד.

א יוד.

דאס לעבען פֿון די יודישע עמיגראַנטען אין לאָנדאָן.

(נאָך מ. ראַפֿאַאילאָוו בעאַרבייט פֿון א. ע.)

ווענען די פּאָגראָמען, דער ענגשאַפֿט און דער קאָנקורענץ אין די שטעדט האָבען די יודען אין די אַכציגער יאָהרען אָנגעהויבען הויפֿענווייז צו פֿערלאָזען די אַלטע ערטער, אויס צו־וואַנדערן. צו יענער צייט איז די עמיגראַציע קיין ענגלאַנד און אַמעריקאַ געווען זעהר שטאַרק. נאָר די אויסוואַנדערונג איז געווען אָהן אַ סֵדֶר, אָהן אַ שׁוּם פּלאַן. זי האָט ניט געהאַט ווי, לְמָשָׁל, די עמיגראַציע קיין אַרגענטינא, איהרע

פֿערפֿאַלען געוואָרען? ניין, ברידער, כמעט אַלץ ראַזסליעדעוועט: די קוואָצקע מיט די הינדליך האָבען געגנבֿט ציגיינער, — זיי קומען צו אונז צייטענווייס נעמען אַ פּאָצינקע: לייטען אַ סאַמאָוואַר, פֿאַרגיטען אַ לאָך אין אַ סקאָוואָראָדקע און אגב אורחה טאַקי עפּיס אַנטלייען אויך — על מנת להחזיר, דאס הייסט: אָבגעבען צוריק אַז מע וועט חאַפּען... דעם פּאַלומיסאַק מיט די פֿיש ווייסט מען עד היום ניט ווער. נו נו, איך האָב געהאַט מיט דעם פּאַלומיסאַק צו זינגען און צו זאָגען!... די גנבה האָט זיך געטראָפֿען ביי אונזערען אַ שכן, ביי אייזיקען דעם זאַיקאָוואַטע. אַ גאַנצען חודש נאָכאַנאַנד האָט ער מיך ניט געלאָזט לעבען: „ס־ס־סטייטס, אַ וואַ העכט!.. אַף זעקס און ד־ד־דרייסיג ק־ק־ק..." — „כפרות געטויגט?" — זאָג איך. „וו־וו־ווער אַליין אַ כ־כ כפרה! — שרייט ער — אַף זעקס און ד־ד־רייסיג קאָפּקעס!.. אַ פּ־פּ פֿרישער, אַ ל־ל־לעבעדיגער..." — „אַ לעבעדיגער?" — זאָג איך — אַוועק געשוואומען, רב אייזיק! — אַ מאַך געטהון, זאָג איך, מיט'ן ווייִדעל און אַוועק צוריק אין טייך אַריין..." — „און דער פּ־פּ־פּאַלומיסאַק גזלן?! ד־ד־דער פּאַלומיסאַק אויך אַ־אַ־וועק געשוואומען?!"... כ'האָב פֿון איהם, זאָג איך, געהאַט קאַלט און וואַרעם... איז האָט איהר אייך צוויי גנבות; און די דריטע, דעם קוגעל — ווייסט איהר ווער? חהע חהע־חהע!... דעם קוגעל האָט אַוועקגעלאַטחענט אט טאַקי ער, מיין באַרבאָסקע, אַ מפלה אַף איהם!.. זומער־צייט, שבת־שירה די פֿויגעליך פֿרעהען זיך, שפּרינגען פֿון די דעכער אין הויף אַריין, עסען הערצענע קאַשע, ווי דער מנהג איז, און זינגען שירה... נחמה נחום־געציעס... אַ בעלהבאַטסטע מישטיינסגעזאָגט! אַרויסגענומען דעם טשאָלענט, די יוך דערלאַנגט צום טיש און דאָס זעקעלע מיט'ן קוגעל אַנידערגעשטעלט אין קוך אַף דער באַנק אָבקיהלען. מיין כלב זעהט — די טהיר איז אָפֿען.. אַריין פּאַוואָליענקע און אַוועק מיט'ן קוגעל אין אַ ווינקעלע פֿון יענער זייט באַר און, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ לעק ניט איבערגעלאָזען... נחמה געקומען צו לויפֿען אַ פֿערסמ'טע — זי מוז איהם שלאָגען, הרגענען!... ניין, זאָג איך, נחמהניו, שלאָגען ניט, זידלען זיר'על איהם־אָן וויפֿיעל עס וועט אין איהם אַריין... וואָס? אפשר ניט גערעכט?.. וואָס זשע טהוט אַ נאַרישע יודענע? האָט זי מיר געמאַכט אַכצעהן מי־שבּרכ'ס, און דער קוגעל איז געבליבען ביי באַרבאָסקען... באַרבאָסקע! — זאָג איך — אחינו אתה! ביז איצטער, זאָג איך, שוין אויף דור־דורות אַ יודישער כלב, און אַז מיר וועלען געהן קיין ארץ ישראל נעם איך דיך מיט, ווי איך בין אַ יוד! וואָס איז? אין ארץ ישראל דאַרף מען קיין כלבים ניט? אודאי ווילט זיך קיין סטאַראָזש דאָרט ניט זיין; דאַנקען גאָט אָבגעדיענט דאָ אין גלות ביי רב אברם־שלומ'ען צוואַנציג יאָהר... כ'לעבען, געניג... וויפֿיעל דען איז מחויב אַ יוד?... צוואַנציג יאָהר אָבגעזעסען ביי'ם טויער און געקוקט אַף דער לבנה.. שלאָפֿען — אַזאַס! סמעיע ניט אין אויג צומאַכען... זיץ ישראליק, זיץ און זינג מיט'ן אַלטען ניגונ'דיל:

די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראליק זיצט ביי'ם טויער..
וואַך ישראליק! ניט אַ דרימעל!
וואַך, און אָפֿען אויג און אויער!

זיס און רוהיג שלאָפֿט ביז מאָרגען,
רוהט זיך־אויס, רב אברהם שלום!
ווייט פֿון אַלע אַלע זאָרגען
זעהט אין שלאָף אַ גוטען הלום...

קיין געריוש און קיין געטומעל
וועט ניט גרייכען אייער אויער:
די לבנה שיינט אין הימעל
און ישראליק זיצט ביי'ם טויער..

-- ישראליק זיצט זומער־צייט און קלויבט נחת קוקענדיג ווי די לבנה שיינט, און די לעכטיגע שטערענדליך שפּיעגלען זיך־אָב אין די קאַליושעס אויף דער גאַס... ישראליק זיצט ווינטער באַנאַכט איינגעהילט אין'ם אַלטען טילעפּיל אויף וועלכען עס איז ווי דער פּסוק זאָגט, ממזרח שמש ועד מבואו, פֿונים קאָלנער ביז דער שפּיטץ פּאָלע, פּעמון ורמון, אַ לאַך און אַ לאַטע—, ישראליק זיצט און הערט זיך צו צו דעם לאַנגען ניגון וואָס עס זינגט דער קאַלטער ווינד — וואָס וויינט ער אַזוי, וואָס יאָמערט ער?... צוואַנציג יאָהר הערט זיך־צו ישראליק צו דעם לאַנגען ליעדיל און ער דערמאַנט זיך אויף אַלע לויהים, וואָס זענען געווען אין הושענאיוקע אין די צוואַנציג יאָהר, אויף דעם ביטערען געוויין פֿון די אלמנות מיט די יתומים נעביך... און ישראליק שלאָפֿט ניט.. ישראליק טהאָר ניט שלאָפֿען, וואָרים..! שאַ! איך וועל אייך דערצעהלען בסוד, אַז מיר האָט זיך שוין געמאַכט אַ מאָל אַנשלאָפֿען ווערען — און וואָס האָט זיך מיר דעמאָלס געחלומט?!... אוי־אוי! איהר מעגט עס אויסהערען:

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

יש. פּרוג.

פֿיהרער; זי האָט ניט געהאַט די מיליאָנען, מיט וועלכע באַראָן הירש האָט אָנגעהויבען קאָלאָניזירען די יודען אין ארגענטינא.

צוערשט זענען טויזענדער יודען מיט ווייב און קינדער אַריבער די גרענעצען פֿון גאַליציע; נאָר אַזוי ווי די אָרימקייט אין גאַליציע איז ניט וועניגער גרויס, ווי אין רוסלאַנד — האָט זיי דער דַלוּת פֿערטריעבען קיין פּרייסען. אין יאָהר 1884 האָט אָבער ביסמאַרק אויסגעגעבען אַ בעפֿעהל די אַלטע עמיגראַנטען אַרויסצוטרייבען און נייע ניט אַריינצולאָזען, און די נָע־ונָד׳ניקעס האָבען קיין אַנדער בְּרֵירָה ניט געהאַט, ווי זיך אַרויפֿצוזעטצען אויף איינע פֿון די צעהנדליגער דאַמפּפֿשיפֿען, וועלכע פֿיהרען עמיגראַנטען קיין ענגלאַנד, אָדער אַמעריקאַ. עס איז ניט געשמאַק געוועזען פֿאַר די דערשלאָגענע, אויסגעדאַרטע מענשען צו פֿאָהרען איבער׳ן ים אויף איינע פֿון די דאָזיגע דאַמפּפֿשיפֿען. ווער עס האָט מיטגעמאַכט אַזאַ רייזע וועט ניט אַזוי גיך פֿערגעסען די שרעקליכע סצענעס, וואָס שפּיעלען זיך אָב אויף אַזאַ שיף. אין שטינקענדע קאַמערן ליעגען ווייבער, קינדער און מאַנסבילען, עס איז ענג אַ דערשטיקענעס, און קוים וואו עס געפֿינט זיך אַ אָרט פֿאַר די זעקליך און פּעקליך פֿון די אָרימע פּאַסאַזשירען. דאָס עסען איז ניט אין מויל צו נעהמען, אַ שרעקליכע אונריינליכקייט אומעטום. און ווי נור עס קריכען אַרויס פֿון די לעכער אַ פּאָר עמיגראַנטען, אום אָב צו האַפּען דאָס האַרץ אויף דער פֿרישער לופֿט, פֿאַלען שוין אַ׳ן אויף זיי די פֿערגרעבטע מאַטראָסען, און שטויסען זיי אַריין צוריק אין די פֿערפּוישטע קאַמערן. דער עמיגראַנט טראָגט אַריבער אַלע די דאָזיגע צָרוֹת שטיל און געדולדיג, לעבענדיג מיט דער האָפֿנונג דאָס באַלד וועט שוין נעהמען אַ סוף צו זייערע ליידען.

פֿרוי בעאַטְרִיסֶע וֶועב, וועלכע האָט זיך צו געקוקט צו די עמיגראַנטען־שיפֿען, מאָלט אונז פֿאַר די אויגען די אַנקונפֿט פֿון אַ האַמבורגער שיף אין לאָנדאָן: „שטעלט זיך פֿאַר אַ פּאַלובע פֿון אַזאַ שיף, וועלכע קומט אָן אין אַ פֿריה מאָרגען אַלס נעהענטער און נעהנטער צו די ברעגעס פֿון טעמזע. אויף דער פּאַלובע איז אַ קאָך און אַ גערודער, מאַנסבילען, ווייבער און קינדער אין איינעם אויסגעמישט, — אַלעס רוסישע און פּוילישע יודען. עטליכע פֿון זיי זיצען אויף זייערע קאַסטענס, אַנדערע האַלטען פּעקליך אין די הענד. דאָס רוב זענען דאָס מענשען אין עלטער פֿון 20 ביז 40 יאָהר, קליינוויכסיגע, איינגעהויקערטע און אין שמוציגע קליידער. אויף זייערע פָּנִימ׳ער ליעגט די עֲנִיוּת פֿון דעם דַלוּת, אין זייערע אויגען — דער קוק פֿון אַ פֿאַריאָגטען ליידענדען בעשעפֿעניס. נאָר ווען די אויגען בעגעגנען דעם בליק פֿון ווייב און קינד בעווייזט זיך אין זיי אַ פֿריינדליכער שיין. איהר ווענדעט זיך צו זיי מיט פֿריינדליכע רייד. זיי קוקען אויף אייך מיט אַ חֲשַׁד און האָבען צו אייך קיין צוטרויען ניט. אַ דייטשער מאַטראָס, אַ גראָבער יונג, שפּאַרט זיך דורך מיט די איילענבויגענס דורך דעם געדיכטען קנויל פֿון מענשען. זיי בייזערען זיך ניט, און מאַכען פֿון זיך אַליין אַ וועג פֿאַר׳ן מאַטראָס, ניט רעדענדיג אַ שלעכט וואָרט, ניט בעקלאַגענדיג זיך אויף די גראָבקייט פֿון דעם מאַטראָס. און, בְּשַׁעַת דאָס שיף איז שוין ניט ווייט פֿון ברעג, גראָבען זיך איין די אויגען פֿון די עמיגראַנטען אין דעם געזעמעל מענשען וועלכע שטעהען ביים פּריסטאַן. זיי זוכען מיט הערצקלאַפּענעס — ווער אַ ברודער, ווער אַ נאָהענטען קרוֹב, ווער אַ בעקאַנטען. אַנדערע וועלכע האָבען קיינעם ניט ווער זאָל זיי דערוואַרטען וואַרפֿען אַ בליק אויף דאָס נייע לאַנד, אויף דאָס לאַנד פֿון פֿרייהייט און גליק, אויף דאָס לאַנד, צו וועלכעם דאָס האַרץ האָט זיי שוין אַזוי לאַנג געצויגען“. בעאַטְרִיסֶע וֶועב בעשרייבט הערצרייסענדע סצענעס, וועלכע שפּיעלען זיך אָב אויפֿ׳ן ברעג פֿון טעמזע, בְּעֵת צושיידטע מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער און נאָהענטע קְרוֹבִים דערזעהען זיך ווידער צום ערשטען מאָל נאָך אַ צייט פֿון יאָהרען. נאָר ניט אַלעמען איז בעשערט אַזאַ גליק; פֿאַר דאָס רוב הויבען זיך ערשט נאָך אָן די שווערע האַרטע יאָהרען. זעלטען ווער עס האָט אַ בעקאַנטען, אָדער אַ קְרוֹב, וועלכער זאָל דעם עמיגראַנטען זיין אַ וועג־ווייזער אין דער ערשטער צייט. קוים נור געהט אַרונטער אַזאַ עמיגראַנט פֿון שיף, ווי עס פֿאַלען שוין אָן אויף איהם אַלע מִינֵי מאַזוריקעס און גַנָבִים, וועלכע לעבען נור דערפֿון וואָס זיי בעגנב׳ן און בעראַבעווען די „גרינע“, — ווי מען רופֿט דאָ די פֿריש אָנגעקומענע ניט געניטע עמיגראַנטען — געוועהנטליך זענען דאָס יודען, דער אויסוואָרף פֿון לאָנדאָנער איסט־ענד, אַוואו עס געפֿינען זיך די ערגסטע פֿערדאָרבענסטע לייט נאָך פֿון דער פֿריהערען עמיגראַציאָנסצייט.

דער ניט געניטער עמיגראַנט פֿרעהט זיך, אַז ער טרעפֿט אָן אַ יודען אָדער גאָר נאָך אַ מענשען פֿון זיין שטאָדט און לאָזט זיך אַריינאַרען אין זאַק, עס געדויערט ניט אַ רגע, און דער מאַזוריק פֿערשלעפּט איהם מיט זיינע זאַכען ערגעץ וואו אין אַ נאָרע פֿון לאָנדאָנער ווייטשעפּעל. עס פֿערגעהט אַ טאָג — צוויי און דער עמיגראַנט, בעראַבעוועט, הויל און נאַקעט, ווערט אַרויסגעוואָרפֿען אויף דעם שטיינערנעם פֿלאַסטער פֿון גאַס. נאָך אַ שרעקליכערען סוף פֿלעגען האָבען אַמאָל די פֿרויענצימער־עמיגראַנטקעס, וועלכע פֿלעגען אַריינפֿאַלען אין די הענד פֿון די מאַזוריקעס, דערנאָך ווי זיי האָבען ניט געקענט אַזוי גיך אויפֿזוכען זייערע מענער אָדער זייערע עלטערן. אונטער די מאַזוריקעס איז געווען אַ בעזונדערע באַנדע, וועלכע פֿלעגט צושטעלען יונגע פֿרויען פֿאַר געוויסע שענדליכע הייזער. אין די לעצטע יאָהרען האָבען די ענגלישע יודען איינגעזעהן, דאָס זיי זענען מחויב עפּיס צו טהון פֿאַר זייערע ברידער די עמיגראַנטען, וועניגסטענס אין די ערשטע צייט פֿון זייער קומען אין לאָנדאָן. עס זענען געגרינדעט געוואָרען צוויי חֲבָרוֹת „אַ הַכְנָסַת אוֹרְחִים פֿאַר אָרימע יודען אויף אַ קורצע צייט“, און „די יודישע חֶבְרָה צו בעשיצען פֿרויען און פֿריילינס“. די מיטגליעדער פֿון די חברות טראָגען אַ בעזונדערען צייכען אויפֿ׳ן האַרצען, און נור זיי האָבען דאָס רעכט אַרויפֿצוגעהן אויפֿ׳ן שיף צו די עמיגראַנטען. דעם עמיגראַנטען גיבען זיי די נייטהיגע עֵצוֹת, און פֿרויען און פֿריילינס, וועלכע האָבען ניט קיין קְרוֹבִים אין לאָנדאָן, ווערען געבראַכט אין אַ הויז, אַוואו זיי קענען בלייבען צוויי וואָכען לאַנג. אַזוי טרויריג הויבט זיך אָן דער ערשטער טהייל פֿון עמיגראַנטענ׳ס לעבען, און אויך איצט, בְּשַׁעַת די דאָזיגע חברות טהוען זייער אַרבייט, טרעפֿט עס, דאָס דער עמיגראַנט פֿאַלט אַריין אין די לאַפּעס פֿון אַ מאַזוריק.

אויף די שטיינערנע פֿלאַסטער פֿון איסט־ענד ווערט אַרויסגעוואָרפֿען אַ מענש, פֿאַר וועלכען דער נאָמען „פּראָלעטאַריער“ איז ווי אָנגעמאָסטען. אַ מענש וועלכעם עס פֿעהלט ניט נור די מיטעל מיט וואָס צו אַרבייטען, נאָר ער האָט אויך ניט די נויטהיגסטע לעבענסמיטעל, וועלכער האָט קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהם געהערען, אויף וואָס ער זאָל קענען זיין אַ שטיקיל בַּעַל־הַבַּיִת. עס איז איהם מעהר ניט געבליבען ווי די הוילע נאַקעטע אַרבייטסקראַפֿט פֿון זיינע הענד; און קוקענדיג אויף דעם דאַרען אויסגעמאָגערטען קערפּער פֿון דעם נעכטיגען יודישען קרעמער אָדער מעקלער און היינטיגען לאָנדאָנער עמיגראַנטען, גלויבט זיך ניט, דאָס אין זיינע ווייכע דינע מוסקעלן זאָל זיך האָבען בעהאַלטען פֿהיזישע אַרבייטסקראַפֿט. נאָר דער וואָס טויג ניט פֿאַר אַ רעכטער פֿאַבריק — די שוואַכע קראַפֿט, וועלכע איז ניט בְּכֹּחַ צו פֿערגרעסערען דורך איהרע אַרבייט די רייכקייט פֿון אַגרויסען זאוואָד, — געפֿינט זיך אַ אָרט אין אַ זעלכע הוילען, אַוואו מענשליכע כֹּחוֹת ווערען אויסגעזויגען אָהן רַחֲמָנוּת און אָהן דעם גערינגסטען לויהן. אויף דעם הונגעריגען, דערשלאָגענעם צושראָקענעם עמיגראַנטען, וועלכער איז זיך ניט בְּכֹּחַ צו פֿערטהיידיגען, וואַרפֿען זיך אַרויף בלוטזויגערס פֿון אַ בעזונדערען מִין, וועלכע וואַרטען שוין פֿון לאַנג אָן אויף אַ נייעם עמיגראַנטען שיף, זיי בעפֿאַלען אויף די עמיגראַנטען ווי די רויבפֿויגעל אויף אַ נְבֵלָה.

נאָר וואָס איז דאָס איסט־ענד? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געבענטשט אָרט, אַוואו אונזערע עמיגראַנטען זענען ענטלויפֿען פֿון זייערע אַלטע צָרוֹת? אָ, דאָס איז אַ זעלטענער ווינקעל אויף גאָטס ערד! און עס לויהנט וועגען איהם זיך ברייטער פֿאַנאַנדער צו שמועסען. אַז מען בעקענט זיך אַ ביסיל נאָהענטער מיט איסט־ענד הויבט מען אָן צו פֿערשטעהן פֿאַר וואָס דער ענגלישער פּאָעט שעלי רופֿט אויס! „דער גֵיהִנָם — דאָס איז אַ שטאָדט, וואָס האָט כִּמְעַט דעם אַנבליק פֿון לאָנדאָן“. איסט־ענד איז דער פּלאַטץ אין לאָנדאָן, וואו עס האָבען זיך בעזעצט אַלע די סאָרטען פֿון בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת, וועלכע קענען שוין ניט בעשטעהן קעגען די פֿאַבריק, און וועלכע דערהאַלטען זיך נור דאַדורך,

וואָס זיי צאָהלען זייערע אַרבייטער דעם קלענסטען אַרבייטס לויהן ווי מען קען זיך נור פֿאָרשטעלען. צוליעב דעם וואָס אַרבייטס לויהן קאָסט דעם אונטערנעהמער כמעט גאָר נישט, קענען זיי זיך ווי עס איז דורכלעבען זייער וועלטיל. דער אַרבייטס לויהן איז אַזוי ניעדריג, דאָס דער אַרבייטער פֿערדיענט קוים קוים צו דערהאַלטען די נְשָׁמָה.

איסט־ענד איז געוואָרען, ווי פערצייטען די עָרֵי מִקְלָט, דער אָרט, אוואו עס לויפֿען צונויף אַלע מיני מענשען, וועלכען עס איז ניט געגאַנגען אין לעבען ווי עס דאַרף צו זיין: פֿעראָרימטע סוֹחֲרִים, אויסגעדיענטע אָדער געוועזענע סאָלדאַטען, שְׁלִימְזַל'ניקעס, געלערנטע און ניט געלערנטע אַרבייטער, וועלכע די פֿאַבריק האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿען אין צייטען פֿון שלעכטע פַּרְנָסוֹת א. ז. וו. א. ז. וו. איסט־ענד איז דער קוואַרטאַל פֿון "לומפּענפּראָלעטאַריאַט" פֿון די נאַקעטע ווייסע חברה'ניקעס, פֿון גַנָבִים, "נאַכטפֿויגליך" א. ד. ג., דער קוואַרטאַל אוואו דער גאַנצער שמוטץ פֿון רייכען לאָנדאָנער לעבען האָט זיך אָבגעזעצט, ווי דער שמוטץ פֿון ברודנע וואַסער אויפֿ'ן דעק פֿון גלאָז. איסט־ענד איז דער פֿינסטערער פֿלעק פֿון אונזער ליכטיגער ציוויליזאַציאָן, דער שוואַרצער שאָטען וועלכער ליינט זיך ווי בליי אויף דאָס האַרץ פֿון יעדען געבילדעטען מענשען. דער בעריהמטער ענגלישער סטאַטיסטיקער טשאַרל בוטס גיט אונז פֿון די איינוואָהנער אין איסט־ענד די דאָזיגע שילדערונג: דאָ זעהט איהר אַ קלאַס פֿון מענשען, וועלכע די מענשליכע געזעלשאַפֿט האָט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿערשטויסען פֿון זיך. זיי לעבען ווייס גאָט וואו, ווייס גאָט פֿון וואָס. אָדער אַנדערש גערעדט, עס איז בעקאַנט, דאָס זיי פֿערנעהמען אַזוינע שרעקליכע גאַסען, אוואו קיין פּאָליציע אונטערשטעהט זיך ניט אַריינצושמעקען, וואו יעדעס הויז איז פֿערפּעסטעט, אַ הויל פֿון גנבים, אַ נעסט פֿון זשוליקעס און פֿאַר נאַכט־פֿויגליך. די הויפּט סִימָנִים פֿון דעם קוואַרטאַל איז די שרעקליכע אָרימקייט און די אָבגעלאָזענע פֿערווילדעטע פּנים'ער וועלכע מען טרעפֿט דאָ אין די גאַסען. זיי לעבען ווי די ווילדע; צייטענווייז הונגערן זיי טעג און וואָכען, און צייטענווייז בְּשַׁעַת עס איז זיי אָבגעלונגען אַ געשעפֿטיל, אַ גְנֵבָה'לע אָדער ד"גל. פֿרעסען זיי און זויפֿען מעהר וויפֿיעל זייער קערפּער איז בְּכֹחַ צו פֿערטראָגען. זייער שפּייז איז די ערגסטע, וואָס מען קען זיך נור פֿאָרשטעלען, די איינציגע הֲנָאָה אין לעבען האָבען זיי פֿון דעם שנאַפּס. עס איז שווער צו זאָגען פֿון וואָס זיי לעבען, אָבער זיי געפֿינען פֿאָרט די נויטהיגע לעבענסמיטעל, און דאָס וואָס זיי קריגען צו האַפּען טיילען זיי צווישען זיך נאָך זעהר אָפּט. זיי נעכטיגען דאָרטען וואו מען קען נור דעם קאָפּ צושפּאַרען. געפֿינט זיך אַ קאָפּעקע אין קעשענע — געהען זיי אין נאַכט לאָגער־הייזער, ווען ניט, נעכטיגען זיי אויפֿ'ן גאַס. אַ סך פֿון זיי געהען איבער די הייזער, אַנדערע שטעהען נעבען די רייכע האָטעלס, און וואַרטען אויף אַ גליקליכען טראַף, פֿון וואָס מען קען עפּיס פֿערדיענען, נאָך אַנדערע שטעהען מיט סְחוֹרָה אויף די גאַסען. די ווייבער דאָרטען זענען לאַטערקעס און נאַכטפֿויגעל, אָדער פֿעראייניגען אין זיך ביידע מַעֲלוֹת; אָפּט זעהט מען זיי ליעגען שִׁכּוֹר אין רינשטאָק, אָדער זיך הרג'נען מיט איינאַנדער. די קינדער זענען בעקאַנט מיט דעם נאָמען "די גאַסען־אַראַבער", וועלכע גנב'ן אַלעס וואָס פֿאַלט זיי נור אַריין אין די הענד. צוריסען, פֿערשלומפּערט, פֿערגרעבטע, מיט מיאוס'ע רייד אויף די ליפּען, מיט פּנים'ער אויף וועלכע דער נויטה און די פֿריהע פֿערדאָרבענהייט האָט זיי אָבגעשטעמפּעלט פֿון קליינווייז אויף — אָט אַזוי זעהען אויס די קינדער פֿון דעם געבענטשטען קוואַרטאַל".

די ענגע קאַמערן פֿון עלענד און הונגער וועלכע נעהמען אויף אין זיך די בעוואָהנער זייערע — ווערען ניט נור אין איבערגאַנגסצייטען די פֿערפּעסטעטע ערטער, פֿון וואַנען עס שטאַמען אַרויס אַלע קראַנקהייטען נאָר אויך אין די רוהיגע, אין די געוועהנטליכע צייטען הערען ניט אויף צו הערשען אין זיי אַלע אַרטען קראַנקהייטען, ווי פּאָקען, טיפֿוס, סקאַרלאַטין א. ז. וו.

און צייטענווייז רייסען זיך פֿון דאַנען אַרויס די בייזע קראַנקהייטען און דרינגען איין אין די רייכע קוואַרטאַלען. עס איז אֱמֶת, דאָס בוטס שילדערט אונז נור די ניעדריגסטע, די טיעף געפֿאַלענע. צו ליעב זיי אָבער קריעגט דער איסט־ענד זיין שרעקליכען אויסזעהן. דען די אַנדערע איינוואָהנער, די אַרבייטער, פֿערלאָזען פֿריהמאָרגענס זייערע הייזער, און ביי נאַכט זענען זיי צו אָנגעמאַטערט. זיי קריכען אַריין אין זייערע אָרימע שטיבליך און שלאָפֿען ווי דערהַרְגֶ'טע.

דאָס איז, אין קורצע ווערטער געשילדערט, דער אָרט, דער פּלאַטץ אוואו עס פֿאַלען אַריין די יודישע עמיגראַנטען אין לאָנדאָן; זיי וואָלטען געוויס געמוזט אונטערגעהן. סיי אין קערפּער, סיי גייסטיג וואָלטען זיי געמוזט נעהמען אַ גיכען סוֹף אין דיעזער פֿערגיפֿטעטע לופֿט, ווען זיי וואָלטען ניט מיט געבראַכט אַ סך גייסטיגע מעלות, וועלכע האָבען זיי געהאָלפֿען אויסצוהאַלטען אין אַזאַ גֵיהִנֹם, ווי איסט־ענד, און זיך ניט אין גאַנצען אונטער צוגעבען. אַ גרויסע שטיצע געפֿינען די יודען אין זייערע חברות, וועלכע שפּראָצען אויף צעהנדליגערווייז אומעטום, וואו עס געפֿינען זיך איין אַ גרעסערע צאָהל יודען. נאָר וועגען דעם וועל איך נאָך שפּעטער רעדען. אַ קאָמיסיע, וואָס איז אוועק געזעצט געוואָרען פֿון ענגלישען פּאַרלאַמענט אום אויסצופֿאָרשען דעם שאָדען און דעם נוטצען וואָס ברענגט מיט זיך די יודישע איינוואַנדערונג אין ענגלאַנד, איז געקומען צו דער דֵעָה, דאָס וואָס אָרענטליכקייט און גוטע מִדוֹת אַנבעלאַנגט שטעהען די יודישע עמיגראַנטען העכער פֿאַר אַ סך אַנדערע קלאַסען אונטער דער לאָנדאָנער בעפֿעלקערונג. אונטער די לאָנדאָנער יודען איז כִּמְעַט ניט פֿאַרהאַנען דער טיפּ פֿון אַ "פּאָפּער", ד. ה. פֿון אַ מענשען, וואָס האָט זיך אין גאַנצען אָבגעלאָזען, פֿערלאָרען די קראַפֿט זיך דורך אַרבייט צו דערנעהרען, וואָס דערהאַלט זיין נְשָׁמָה צוליעב די אַרבייטס־הייזער און צוליעב די שטיצע, וואָס ער קריעגט פֿון די ענגלישע צְדָקָה־חברות. אין איסט־ענד געפֿינען זיך אויף הונדערט קריסטען 18 יודען, און נור צוויי "פּאָפּערס" אויף 300 יודען. זעהר ווייניג איז אויך די צאָהל פֿון די יודען, וועלכע ווער'ען בעשטראָפֿט פֿאַר פֿערברעכען. אין יאָהר 1891 זענען נור 21 יודען געזעסען אין געפֿענגעניסען; אין דעמזעלבען יאָהר האָבען זיך איינגעפֿונען אין איסט־ענד יודישע עמיגראַנטען, וואָס זענען עלטער פֿון 15 יאָהר, 22,711. עס קומט אַרויס דאָס אויף יעדע 1081 עמיגראַנטען האָט זיך איינגעפֿונען נור איין פֿערברעכער. די קאָמיסיע אָבגעבענדיג איהר מיינונג וועגען די יודישע עמיגראַנטען שרייבט: "די רעזולטאַטען אונזערע בעווייזען, אַז די וואָס זענען נאָהענט בעקאַנט מיט די יודישע עמיגראַנטען זענען גערעכט, ווען זיי בעהויפּטען, דאָס די יודישע עמיגראַנטען זענען פֿריעדליכע מענשען, וועלכע אַכטען און היטען די געזעצען פֿון אונזער לאַנד".

נאָר אַפִילוּ די עמיגראַנטען זענען ניט פֿערזונקען געוואָרען אין דעם איסט־ענדער זומפּף צוגלייך מיט טויזענד אַנדערע, — האָבען זיי זיך פֿאָרט ניט געקענט אַרויסראַטעווען פֿון אַנדערע צָרוֹת, וועלכע מאַכען דעם עמיגראַנטען צו אַ אונגליקליכען פֿערהונגערטען שקלאַפֿען. צוליעב זיין אָרימקייט און זיין דערשלאָגענהייט איז דער עמיגראַנט אַריינגעפֿאַלען אין די וואַרשטאַטען, אוואו מען אַרבייט נאָך'ן "שוויטצזיסטעם", ד. ה. אוואו מען זויגט אויס פֿון אַרבייטער זיין לעצטען טראָפּען שווייס. אַ קאָמיסיע, וואָס האָט זיך בעשעפֿטיגט דער מיט אויסצופֿאָרשען די לאַגע פֿון די אַרבייטער אין די דאָזיגע וואַרשטאַטען האָט אויפֿגעשטעלט פֿיער פּונקטען, וועלכע גיבען אַ ריכטיגעס בילד פֿון דעם "שוויטצזיסטעם (1 דער אַרבייטער איז ניט בעשעפֿטיגט אַ גאַנ'ץ יאָהר נאָר אין געוויסע צייטען, סעזאָנען און דאָס אויך ניט רעגעלמעסיג; (2 דער אַרבייטסטאָג דויערט זעהר לאַנג; (3 דער אַרבייטס לויהן איז דער ניעדריגסטער וואָס קען נור געבען, און (4 דער אָרט, אוואו עס ווערט געאַרבייט איז העכסט שעדליך און אונגעזונד פֿאַר'ן אַרבייטער. עס געפֿינען זיך ניט ווייניג "היגע", וואָס פֿאַלען אַריין אין אַזעלכע וואַרשטאַטען, דאָס רוֹב אָבער זענען דאָס עמיגראַנטען, וועלכע זענען געצוואונגען פֿאַר אַ שטיקיל טרוקען ברויט אוועק צו געבען זייער לעצטען טראָפּען שווייס. וויבאַלד דער עמיגראַנט לעבט אָב אַ יאָהר־צוויי, לערנט זיך אויס ענגליש רעדען, און קריעגט די מעגליכקייט צו אַרבייטען אין אַ פֿאַבריק, — פֿערלאָזט ער די שרעקליכע וואַרשטאַט. און דעריבער זענען די אונטערנעהמער פֿון די וואַרשטאַטען געצוואונגען, די פּוסטע ערטער מיט אַנדערע אַרבייטער פֿול צו מאַכען, זיי זענען געצוואונגען צו פֿערהאַפּען נייע עמיגראַנטען, אַנדערע "גרינע" און זיי אויסצוזויגען כָּל זְמַן זיי האָבען ניט קיין אַנדערע

אויסוועג. און אין די אַכציגער יאָהרען האָבען קיין עמיגראַנטען ניט געפֿעהלט. דאָס איז געוועזען די בעסטע צייט פֿאַר די שרעקליכע וואַרשטאַטען. דער אונוויסענדער דערשלאָגענער עמיגראַנט, פֿעריאָגט פֿון די פּאָגראָמען אין אַ פֿרעמד לאַנד, צוטומעלט און צושראָקען פֿון אַלעס וואָס ער זעהט אַרום זיך אין דעם מעדדערישען איסט־ענד'שען קוואַרטאַל — נעהמט אָן אַלעס, וואָס דער אונטערנעהמער פֿון אַזאַ וואַרשטאַט שרייבט איהם פֿאָר, ווילינגט איין אויף אַלע בעדינגונגען, ווי איך מְשׁוּנֶה ווילד און אונמעשליך זיי קלינגען פֿאַר'ן פֿרעמדען אויער. וואו זאָל ער געהן? ווער וועט איהם פֿערשטעהן? ווער וועט איהם געבען אַ טרוקען שטיק ברויט? וואָס קען ער אַרויסטראָגען אויפֿ'ן מאַרק צו פֿערקויפֿען, חוץ זיין הוילע נאָקעטע מוסקעלקראַפֿט, וועלכע קיינער וועט עס ניט וועלען נעהמען, ווייל זי איז שוואַך און האָט ניט קיין אָנזעהן. נאָר אויף דער זומפּיגער ערד פֿון דערשלאָגענהייט און שוואַכקייט האָט געקענט אויסוואַקסען דאָס שוויטצזיסטעם. גאַנצע צווייגען פֿון מְלָאכוֹת, וועלכע זענען ביז אַהער געווען גאָר אונבעקאַנט אין ענגלאַנד זענען בעשאַפֿען געוואָרען און אויסגעאַרבייטעט געוואָרען דורך יודישע עמיגראַנטען. די אונטערנעהמער זענען די אַמאָליגע יודישע עמיגראַנטען, וועלכע האָבען זיך נאָך אַ לאַנגער שווערער מלחמה דורכגעשלאָגען, וועלכע האָבען זיך בעקאַנט געמאַכט מיט דעם ענגלישען לעבען און מיט די ענגלישע אומשטענדע; די אַרבייטער אין די וואַרשטאַטען זענען די פֿרישע, די „גרינע", די אקאַרסט אָנגעקומענע עמיגראַנטען. פֿון די 23 טויזענד עמיגראַנטען אין יאָהר 1891 האָבען צו טויזענד געאַרבעט אין שניידער — אין שוסטער — וואַרשטאַטען, אוואו עס הערשט דאָס שוויטצזיסטעם.

(ענדע קומט).

וואס איז ציוניזם ?

מיט אַ יאָהר צוריק וואָלט איינפֿאַך אונמעגליך געוועזען צו שטעלען אַזאַ שאַלָה, מיט אַ יאָהר צוריק וואָלט מען מיט דער שאַלָה, וואָס איז ציוניזם, אַ פָּנים געהאַט פֿון אַ משוגענעם. וואָס הייסט „וואָס איז ציוניזם", ציוניזם איז ציוניזם. דאַרף מען דען האָבען אַ בעסערע און קלאָרערע ערקלערונג? אָבער פֿון פֿאַר אַ יאָהרען ביז היינט איז אַוועק אַ גאַנץ יאָהר, וועלכעס האָט געניגט אָבצוקיהלען די הִתְלַהֲבוּת, שטילען די גייסטער, בערוהיגען די הערצער, אום מע זאָל קענען איבער ציוניזם רוהיג זיך דורך שמועסען. אַ יאָהר צייט איז פֿאָראיבער און אַלע האָבען זיך איבערצייגט אַז די „כְּצַפִּיחִית בִּדְבַשׁ" ערקלערונג פּאַסט ניט אויף ציוניזם. מיר מוזען פֿאָדערן אַנ'ענטפֿער אַ דייטליכען, אַנ'ענטפֿער אַ קלאָרען אויף די פֿראַגען: וואָס איז ציוניזם? וואָס פֿערלאַנגט דער ציוניזם? וואָס האָבען מיר צו טהון זייענדיג ציוניסטען? אַ שֶׁקֶל צאָהלען, אַנ'אַקציע קויפֿען, 3 רובל אין אָדעסער חֶבְרָה צו געבען, עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר אין דער קְעָרָה קאָפּיקעס אָדער גריוונעס צו וואַרפֿען, חֲנוּכָּה פֿיעל לאַטקעס עסען און האַלטען און אין עַל הַנִּסִּים זאָגען, קינדער זאָלען לערנען לְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ און יודישע געשיכטע, ביי אַ שִׂמְחָה אָדער אַ טרויער אַנשטאַט אַ דעפּעשע אָדער אַ לזכר"ל אין המליץ אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל מְנַדֵּב זיין, די אַלע זאַכען זענען זעהר גוט, מע קען געגען זיי גאָר נישט האָבען, אָבער דאָס זענען זאַכען וועלכע פּאַקען נור איינצעלע און קליינע מאָמענטען פֿון אונזער לעבען. אַ שקל צאָהלט מען נור איינמאָל אין יאָהר, אָבער ווייטער אין ברייטערען לעבען, אין די לאַנגע טעג און זעהר קורצע יאָהרען, וואָס האָבען מיר יעמאָלט אַלס ציוניסטען צו טהון? אויפֿ'ן גאַס, אין געשעפֿט, אין פֿערקעהר מיט אונזערע בעקאַנטע, אין פֿאַמיליען צימער בְּשַׁעַת מיר רוהען, וואָס פֿערלאַנגט פֿון אונז יעמאָלט דער ציוניזם? איך האַלט אַז איצט איז די רעכטע צייט מיט דער שאלה זיך צו בעשעפֿטיגען, איצט בְּעֵת די הערצער זענען אָבגעקיהלט געוואָרען טאָרען מיר זיך מעהר ניט נאַרען איינע די אַנדערע און שטענדיג אויסוויכען צו געבען אַ קלאָרע תשובה. מיר ציוניסטען מוזען איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך קלאָר מאַכען וואָס מיר ווילען און געבען אַ בעשטימטען ענטפֿער אויף די געשטעלטע פֿראַגען.

אָבער עס איז אונמעגליך צו בעשטימען וואָס איז ציוניזם, בעפֿאָר מיר ווייסען די סִבָּה וועלכע האָט דעם ציוניזם אויף דער וועלט געבראַכט, און דעריבער מוז איך מיך בעפֿאַסען מיט דער אורזאַכע פֿונ'ם ציוניזם.

ווי ביי אַלע אַנדערע זאַכען אַזוי אויך ביי דער פֿראַגע האָט מען ביז אַהער יוֹצֵא געוועזען נור מיט אַלגעמיינע פֿראַזען, וועלכע האָבען נור פֿערטומעלט דעם קאָפּ און קיין זאַך ניט ערקלערט. די מעהרסטע פֿון אונזערע ציוניסטען זענען נאָך ווייטער ניזגאַנגען און געזאָגט אַז מען קען כְּלָל וּכְלָל ניט ערקלערען די אורזאַכע, פֿון וואַנעט דער ציוניזם איז ענטשטאַנען, ווייל דער ציוניזם איז אַלט ווי דאָס יודישע פֿאָלק. וְהָא רְאָיָה, דער אַלטער פֿאָלקס געשריי „לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם". אָבער די אונריכטיגקייט פֿון דעם ווייסען אַלע די וועלכע האָבען געפּרופֿט אונטער די פֿרומע מאַכען פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ציון. ווען די פֿרומע ציונס מִתְנַגְּדִים האָבען געוואָלט אויסדריקען זייערע געגנערשאַפֿט, האָבען זיי ניט געפֿונען קיין בעסערע טַעֲנָה ווי די: וואָס, איהר מַשְׂכִּילִים ווילט אונז „וְלִירוּשָׁלַיִם" און אֶת־צֶמַח־זאָגער אין ציון פֿיהרען? און די טענה מיט דעם גאַנצען בענעהמען זיך פֿון די פֿרומע ציונס מתנגדים ווייזט די פֿאַלשקייט פֿון די ווערטער. דאָס דער איצטיגער ציוניזם איז דאָסזעלבע וואָס אונזערע עלטערן האָבען געשריען לשנה הבאה בירושלים. ווען דער רוב פֿון די לשנה הבאה בירושלים'ס שרייער זענען אָדער האָבען זיך מתנגד געוועזען צום היינטיגען ציוניזם, דאָס אַליין ווייזט שוין דאָס דער איצטיגער ציוניזם שטרעבט און פֿערלאַנגט „עטוואָס אַנדערעס" פֿון די „לשנה הבאה" שרייערס, „עטוואָס אַנדערעס" וואָס יענע האָבען דערפֿון גאָר קיין בעגריף ניט געהאַט. און דערום קענען מיר מיט רעכט פֿרעגען וואָס איז די אורזאַכע פֿון דעם „עטוואָס אַנדערען" און וואָס איז דען דאָס עטוואָס אַנדערע פֿון היינטיגען ציוניזם, וואָס שיידעט צווישען דעם נייעם און אַלטען ציוניזם?

צווישען פֿיעל ציוניסטען און אויך צווישען איינגע פֿון אונזערע פֿיהרער איז פֿערברייטעט דער געדאַנקען, אַז דער ציוניזם איז נור איבער אונזער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע; דער ציוניזם, זאָגען זיי, איז ענטשטאַנען וועגען דער „יודען נויט", וועגען די פֿערפֿאָלגונגען און העצערייען פֿון די אַנטיסעמיטען, יאָ, ס'איז אפילו פֿיעל לייכטער מיט אַזויגע מיטלען פּראָפּאַגאַנדאַ צו מאַכען, און אין אמת'ן וואָס דאַרף מען האָבען גרינגער ווי צו קומען צו אַ אָרימען יודען אַ שניידער, שוסטער, אָדער אַ קרעמער און זאָגען איהם: „הערסט, ברודער, דו שטאַרבסט דאָ פֿון הונגער, די פַּרְנָסָה געהט אַלץ ערגער און ערגער, וואַרף אַוועק דיינע נאַרישקייטען, געה ווער אַ ציוניסט, דאָרטען אין ציון קענסט דו שוין רוהיג זיין, וועסט אי"ה האָבען דיין אויסקומעניש בְּכָבוֹד", זעלבסטפֿערשטענדליך דאָס מיט אַ זעלכע טענות איז שוין לייכט צו בעקומען ביי דעם יודען אַ שקל איינגשרייבגעלד אין דער חברה אָדער אַנדערע ציונס נְדָבוֹת, עס איז פֿיעל לייכטער צו אַרבייטען און צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ אַוועקשטעלענדיג דעם ציוניזם אויף אַ עקאָנאָמישען יסוד, אָבער מיר ציוניסטען, וועלכע זענען זיכער אין דער קראַפֿט פֿון אונזער אידעע, מיר מוזען פּראָטעסטירען געגען די „אונריכטיגע אורזאַכע". דען פֿון „אַ פֿאַלשע אורזאַכע וועלען קומען פֿאַלשע מַעֲשִׂים". מיר ציוניסטען מוזען פּראָטעסטירען, ווייל מיר דאַרפֿען וויסען אַז ווען אין אַנדערע זאַכען שפּיעלט נאָך די עקאָנאָמישע זייט אַ ראָלע, האָט זי אין ציוניזם גאָר נישט געווירקט, לְכָל הַפָּחוֹת אין דער ענטשטעהונג. דען ווען דער נויט און עלענד זענען די אורזאַכען פֿון דער ציונסבעוועגונג האָבען שוין אונזערע אוהרעלטערן געדאַרפֿט זיין ציוניסטען, ווייל דער איצטיגער יודישער נויט און עלענד איז ניט גרעסער פֿון דעם פֿאַרצייטיגען. אין ווינען איז איצט אַ בירגערמייסטער אַ שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, וועלכער טהוט אָן צָרוֹת די יודישע הויזירער, אָבער פֿאַרצייטען האָט דאָך אַ יוד אפילו ניט געטאָרט וואָהנען אין ווינען, אין גאַליציען שטאַרבען איצט יודען פֿון הונגער, אָבער זיי האָבען דאָרט קיינמאָל ניט געהאַט פֿון וואַנען צו לעבען, אין אַנדערע לענדער איז דעם יודען פֿערבאָטען אין די דערפֿער צו וואָהנען, אָבער פֿאַרצייטען האָבען זיי אפילו אין די שטעדט ניט געטאָרט וואָהנען, אין פּאָלנאַ פֿאַר אַן עֲלִילַת הַדָּם שלאָגט מען יודישע שויבען אָבער פֿאַרצייטען וואָלט מע

פֿאַר אַזאַ בּלבּול אַלע יודען געשלאָגען, און ווען אונזערע עלטערן, וואָס זיי איז געווען פֿיעל ערגער פֿון אונז זענען ניט געוועזען קיין ציוניסטען נאָך דעם היינטיגען בעגריף, דאָס ווייזט טאַקי, דאָס ניט דער „יודישער ברויט נויט איז די אורזאַכע פֿון ציוניזם, דאָס ניט די יודישע שלעכטע עקאָנאָמישע לאַגע האָט דעם ציוניזם אויף דער וועלט געבראַכט. דאָס ניט דער יודישער עלענד וועלכער איז איצט ניט גרעסער ווי פֿאַרצייטען איז די אורזאַכע פֿון דעם היינטיגען ציוניזם. ניין „עטוואָס אַנדערעס" האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם ציוניזם, וועלכעס שיידעט אָב די היינטיגע ציוניסטען פֿון די אַלטע לשנה הבאה שרייער, וואָס'זשע איז דען דאָס עטוואָס אַנדערע?

אום גוט צו פֿערשטעהן דאָס „עטוואָס אַנדערע" דאָס הייסט די סבּה פֿון היינטיגען ציוניזם און זיין צוועק, מוזען מיר זעהן, ווער זענע געוועזען אונטער אונז די ערשטע ציוניסטען, ווער איז צום ערשטען אין פּאַלעסטינאַ געגאַנגען און ווער האָט צום ערשטען פֿאַר ציון אָנגעפֿאַנגען צו אַרבּייטען, די פֿרומע „לשנה הבאה" שרייערס האָבען אֱמֶת געפֿיהרט זייער מִלְחָמָה געגען די נייע ווינטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען אין דער יודישער גאַס, אָבער מיט די אַלטע מיטלען מיט די אַלטע תַּחְבּוּלוֹת, דאָס הייסט זיי האָבען זיך פֿערשפּאַרט אין זייערע לעכער אין דאָרטען צומאַכענדיג זייערע אויגען האָבען זיי ניט געוואָלט הערען און וויסען פֿון וואָס עס טהוט זיך אַרום זיי, די פֿרומע „לשנה הבאה" שרייערס זענען ניט געוועזען פֿון די ערשטע ציונס אַרבּייטער, פֿערקעהרט ווען מען איז שוין צו זיי געקומען און מע האָט זיי אָנגעהויבען וועקען און רופֿען: „גוואַלד, יודען, געהט אַרויס פֿון אייערע לעכער און העלפֿט אונז אַרבּייטען", האָבען זיי זיך געמאַכט ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג, און ווען זיי זענען געצוואונגען געוועזען צו הערען די שטאַרקע ציונס רופֿע האָבען זיי אויף די ציונס אַרבּייטער מיט שטיינער געוואָרפֿען. אויך די אָרימע פֿערפֿאָלגטע, דערשלאָגענע און ברויטלאָזע יודען, די גרויסע מאַסע אַרבּייטער און געשעפֿטסלייט וועלכע זענען געצוואונגען געוועזען אַוועק צו וואַרפֿען זייער היים און פֿאָהרען זוכען זייער גליק אין מֶרְחַקִים, אין די מְדִינוֹת הַיָּם, אויך די יודען זענען ניט געוועזען פֿון די ערשטע וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען ציון. מע קען אפילו צו זיי גאָר נישט האָבען, מיט הונגריגע מאָגענס איז זעהר שווער צו טראַכטען וועגען הויכע פֿאָלקסאידעאַלען. אָבער דאָס קען קיינער ניט לייקענען דאָס די הונגעריגע ברויט זוכער זענען ניט געוועזען פֿון די ערשטע ציונס־אַרבּייטער, זיי אַלע זענען אָבער געלאָפֿען אין אַמעריקאַ, אַפֿריקאַ און אין דער גאַנצער וועלט אַבי ניט אין ציון, אַלזאָ, ניט די פֿרומע און ניט די אָרימע זענען געווען די ערשטע ציונס אַרבּייטער, דאָס זענען געוועזען סטודענטען, וועלכע מיט אַ יוגענדליכען בִּטָחוֹן, וואָס גרענצט אָן מְשׁוּגַעַת, האָבען געוואַגט זיך ענטזאָגען פֿון זייערע חֲלוֹמוֹת און געוואָנהייטען און צו געהן אין פּאַלעסטינע אום צו בעאַרבּייטען אָדער ריכטיגער געזאָגט מיט זייער יונגע לעבענס אויף צו לעבען דאָס וויסטע אַלטע לאַנד. און בְּשַׁעַת די אַלע יונגע לייט האָבען זיך מיט בעגייסטערונג מַקְרִיב געוועזען פֿאַר די ציונס אידעע, האָט זיך ניט איינער געפֿונען וועלכער האָט זיי געשטאַרקט מיט אַ גוטען וואָרט, פֿאַר משוגעים האָט מען זיי געהאַלטען. דאָס זענען געוועזען די משכּילים, די אַלע יונגע לייט וואָס ביז אַהער האָבען געחלומט וועגען אַ השכּלה גן עדן, דאָס זענען זיי געוועזען וועלכע האָבען אָנגעהויבען וועגען ציון מיט פֿייער צו רעדען. אָבער וואָס פֿאַר אַ געלעכטער האָבען זייערע ציונס דְּרָשׁוֹת ביי די פֿרומע יודען אַרויס גערופֿען. אַ מַשְׂכִּיל, אַ דייטש, אַ בערלינטשיק, הויבט מיט אַ מאָל אָן צו רעדען פֿון ציון, פֿון ירושלים, פֿון יודישקייט, מע האָט זיך געקאַייכט פֿון געלעכטער, דאָס איז עפּיס געוועזען אַ מין טשיקאַווישק, אַ מין וואונדער. און דער דאָזיגער וואונדער בעווייזט טאַקי דאָס דער היינטיגער ציוניזם איז ניט דאָסזעלבע וואָס דער אַמאָליגער „לשנה הבאה בירושלים" געשריי און דאָס ער איז ניט די פֿאָלגע פֿון דער יודישער שלעכטער עקאָנאָמישע לאַגע, דען אַ ניט וואָלטען די פֿרומע אָדער די פּרנסה־יודען געוועזען פֿון די ערשטע ציוניסטען.

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

א. לובעצקי.

צייטונגס־שטימען.

אין אַמעריקאַ געהט אַרויס אַ העברעאישע צייטונג מיט דעם נאָמען „הַתְּחִיָּה". די צייטונג איז אַ ציוניסטישע — זי קעמפּפֿט פֿאַר די ווידערבעלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך און פֿון דעם יודישען פֿאָלק, אָבער ווי אַזוי זי קעמפּפֿט זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען.

אומזיסט וועלען מיר זוכען אין איהר אַ בילד פֿונ'ם יודישען לעבען אין אַמעריקאַ, פֿון די בעוועגונגען און שטרעמונגען אין נויאָרק, טשיקאַגאָ אָדער פֿילאַדעלפֿיאַ.

אַפּילו פֿון דעם אַמעריקאַנישען ציוניזם קענען מיר קיין בעגריף קריגען לייענענדיג דאָס בלאַט, האָטש אין יעדעם נומער געפֿינען מיר יְדִיעוֹת פֿון פֿערזאַמלונגען און דְּרָשׁוֹת אין פֿיעל שטעדט. קיין סִימָן פֿון דעם שרעקליכעם וואָרטקאַמפּף, וואָס דער ציוניזם האָט אַרויסגערופֿען אין אונזערע העברעאישע צייטונגען געפֿינען מיר אין דער „התחיה" נישט. די אַמעריקאַנער ציוניסטען, וואָלטען מיר געמיינט, זענען סְתָם ציוניסטען, זיי ווילען גאָר נישט דענקען; פֿאַר זיי איז אַלעס זעהר קלאָר און זעהר פּראָסט און מען ברויכט גאָר נישט אַריינלאָזען זיך טיפֿער אין דער זאַך.

דער רעדאַקטאָר פֿון דער „התחיה" שטאָלצירט אַפּילו מיט דעם, און אין דעם 22־סטען נומער, שרייבענדיג איבער די פֿיעל מַאֲמָרִים וועגען ציוניזם זאָגט ער, דאָס די העברעאישע שרייבער אין אייראָפּאַ בִּכְלָל און אין רוסלאַנד בִּפְרַט האָבען נאָך נישט פֿערלאָרען דעם תַּלְמוּדישען פִּלְפּוּל, און אַזוי ווי פֿריהער אין תַּלְמוּד האָט מען זיך בעמיהט צו בויען אויף זאַמד גרויסע שטעדט און דערנאָך זיי צו צערשטערען, אַזוי טהוען זיי אויך אין ציוניזם: יענער קומט מיט אַזאַ שִׁיטָה און דער מיט אַנ'אַנדערער און די זאַך איז דאָך זעהר פּראָסט: מען ברויכט צו פֿערקויפֿען אַקציעס.

און זיי, אין אייראָפּאַ, רעדען עפּיס פֿון אַ קולטורעלער אַרבּייט, פֿון אַ יודישער קולטור און וויסען נישט, אַז ווי לאַנג מיר וועלען נישט האָבען קיין לאַנד קענען מיר נישט האָבען קיין אייגענע קולטור. און די אַלע וִכּוּחִים, די אַלע מַאֲמָרִים וואָס זענען געשריבען געוואָרען פֿון דעם ערשטען באַזעלער קאָנגרעס ביז דער לעצטער צייט קומען איהם אויס פּונקט ווי די פִּלְפּוּלִים פֿון יְשִׁיבָה בחור'ס.

און די לעצטע מִלְחָמָה מיט דער „לִשְׁכָּה הַשְּׁחוֹרָה", קומט איהם אויס אויך קאָמיש. מען ברויכט גאָר נישט רעדען וועגען דעם, דאָס פֿאָלק וועט אַליין דערקענען זיינע פֿריינד און אַלע רייד זענען איבריג.

און אפשר, זאָגט ער ווייטער, וועט איהר, העברעאישע שרייבער, זאָגען: „מיט וואָס קענען מיר העלפֿען אונזער פֿאָלק צו דערגרייכען זיין ציעל, אַז מיר וועלען נישט שרייבען, נישט רעדען, נישט ערקלערען? ד"ר הערצל האָט דאָך שוין געזאָגט אַז דאָס וויכטיגסטע זאַך איז די באַנק וּבְכֵן פֿערקויפֿט אַקציעס, שרייבט אַז מען זאָל קויפֿען אַקציעס.

דער דאָזיגער מַאֲמָר איז נאָך מיין מיינונג זעהר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם בלאַט, און דערפֿאַר האָב איך אַזוי פֿיעל גערעדט איבער איהם האָטש עס איז נישט כְּדַאי און דאָס אַלעס וואָס ער זאָגט איז אַלט ווי דער ציוניזם אַליין.

דאָס בלאַט בעריהרט איבערהויפּט גאַנץ ווייניג די פֿראַגען פֿון יודישען לעבען, דאָ איז אין איהם אַ פֵּירוּשׁ אויף אַ פּאָר פְּסוּקִים פֿון תַּנַ"ךְ, דאָ אַ בריעף פֿון הלל מאַלאַכאָווסקי איבער שאַצקעס מַפְתֵּחַ, אַ פֵּירוּשׁ אויף אַ גְמָרָא א. ז. וו.

אַזוי זעהט אויס אַ העברעאישעס בלאַט אין אַ פֿרייע לאַנד ווי אַמעריקאַ. איך מאַך אויפֿמערקזאַם אויף דעם ווייל עס איז זעהר וואונדערבאַר:

בְּשַׁעַת עס איז דאָ אַ סך זשאַרגאָנישע בלעטער אין אַמעריקאַ, איז נור דאָ איין העברעאישעס בלאַט, וועלכעס קלאָגט זיך אַלע מאָל אַז די „שִׁפְחָה, דאָס הייסט דער זשאַרגאָן, האָט אַראָב געוואָרפֿען פֿונ'ם טראָן די גְבִירָה, דאָס הייסט די העברעאישע שפּראַך". פֿאַר וואָס אָבער האָט נישט דאָס יודישע לעבען אין אַמעריקאַ אַרויסגערופֿען, אַזוי ווי לְמָשָׁל ביי אונז, בעסערע און מעהרערע בלעטער, בְּשַׁעַת עס האָט געשאַפֿען זשאַרגאָנישע — דאָס איז אַ פֿראַגע אויף וועלכע מען דאַרף זוכען אַנ'ענטפֿער.

נישט אַלע ווייסען, דאַכט זיך, אַז מיר האָבען אין העברעאישען אַ וואָכען־בלאַט פֿאַר קינדער וואָס הייסט „גַן שַׁעֲשׁוּעִים" און געהט אַרויס שוין דאָס צווייטע יאָהר אין ליק, וואו דער „הַמַּגִּיד" איז אַרויסגעגאַנגען. איך געדענק אַז שוין פֿאַר יאָהרען האָט בריינין אין הַשָּׁבוּעַ געוויזען וואָס פֿאַר אַ ווערטה דאָס בלאַט האָט, און פֿון יענער צייט אָן איז דאָס בלאַט נאָך אַלץ ניט בעסער געוואָרען.

פֿאַר מיר ליגען איינינע נומערן. איצט געהט אין בלאַט אַ גאַנצער גאַנג אַרטיקלען: הָרַב וְתַלְמִידָיו, אין וועלכען מע פֿערטייטשט בדרך פֿון אַ געשפרעך אַ פּאָר קאַפּיטליך חוּמָשׁ. פֿערטייטשענדיג זאָגט דער רַבִּי מוּסָר, ברענגט אֲגָדוֹת חז"ל, — מיט איין וואָרט ער ווייזט דעם מָאוֹר שֶׁבַּתּוֹרָה. אַז איהר ווילט קריגען אַ בעגריף וואָס פֿאַר אַ מִין הַסְבָּרָה דאָס איז, טאָ הערט, דער מְלַמֵּד פֿערטייטשט די מַעֲשֶׂה פֿון דוֹר הַפְּלָגָה:

די תַּלְמִידִים וואונדערן זיך פֿאַר וואָס האָט גאָט אַזוי געשטראָפֿט די מענשען וואָס האָבען קיין חֵטְא ניט געטהון און צומישט זייערע שפּראַכען. די קינדער קומט אויס פֿרעמד, אַז די מענשען האָבען געוואָלט שטרייטען מיט גאָט; קען מען דען מיט גאָט שטרייטען? דער מְלַמֵּד ענטפֿערט מיט אַ מָשָׁל פֿון דער יודישער היסטאָריע. יודען, זאָגט ער, וואָלטען שוין לאַנג פֿערלענדט געוואָרען פֿון זייערע שׂוֹנְאִים, ווען די שׂוֹנְאִים וואָלטען זיך צווישען זיך ניט אַליין געקריגט, וּבְכֵן אַז איינער וויל פֿערניכטען די יודען לאָזט ניט דער אַנדערער. ווען אַלע פֿעלקער וואָלטען געהאַט איין דֵּעָה, וואָלט שוין לאַנג קיין סִימָן ניט געוועזען פֿון אַ יוד; דאָס אייגענע איז אויך מיט די מענשען בִּכְלָל. ווען גאָט וואָלט ניט אויסגעמישט די לְשׁוֹנוֹת, ווען אַלע מענשען וואָלטען גערעדט מיט איין לָשׁוֹן, וואָלטען זיי אַ סך מעהר געזינדיגט, ווייל איינער וואָלט נאָכגעטהון דעם אַנדערען און די גאַנצע וועלט וואָלט אין זינדיגען געווען איין דֵּעָה ווי ביים בויען פֿון מִגְדָּל, דאַן וואָלט גאָט געמוזט שוין שטראָפֿען די מענשען מיט אַ מַבּוּל און ער וואָלט עוֹבֵר געווען אויף זיין שְׁבוּעָה. דאָס האָט ער פֿאָרויסגעזעהן און האָט פֿערמישט די לְשׁוֹנוֹת, כּדי איינער זאָל נישט פֿערשטעהן דעם אַנדערען. און דאָס איז נישט קיין שטראָף נאָר אַ חֶסֶד וואָס גאָט האָט מיט די מענשען געטהון. אַזוי פֿערטייטשט מען ביי אונז די תּוֹרָה פֿאַר קינדער!

נאָך דעם מַאֲמָר איז דאָ אַ מַאֲמָר „פִּנְקָס קָטָן לִקְטַנִּים", אַ פּאָר קלינגענדע פּראַזעס איבער דאָס אומגליקליכע יודישע פֿאָלק וואָס איז אַזוי גרויס און לעבט אין אַ זאָלכע צָרוֹת; און צום סוֹף פֿרעגט דער שרייבער די קינדער, צי האָבען זיי האָטש אַמאָל געטראַכט איבער דעם אַז מען מוז דאָס פֿערענדערן.

ווייטער געהט בעלעטריסטיק: אַ בילד איבערגעזעצט פֿון „בודושטשנאָשט", און „מִשְׁתֶּה לָעֲנִיִּים" בְּעִקְּבוֹת ספּעקטאָר. נאָר דאָ איז כאַראַקטעריסטיש, דער איבערזעטצער האָט געפֿונען אַז דער סוֹף פֿון ספּעקטאָרס ערצעהלונג איז נישט פֿאַר קינדער און ער האָט עס איבערגעמאַכט אויף אַזאַ אופֿן, אַז דער גְּבִיר פֿערטיילט די אָרימע לייט אַ רובל פֿאַר אַ מאַן, און אַלע פֿרעהען זיך מיט די אָרימע לייט ווי עס ברויכט צו זיין ביי „רַחֲמָנִים בְּנֵי רַחֲמָנִים".

איהר קענט אייך פֿאָרשטעלען ווי עס זעהט אויס ספּעקטאָרס ערצעהלונג מיט אַזאַ סוֹף.

אַזוי זעהט אויס אַ בלאַט פֿאַר קינדער אין דער העברעאישער שפּראַך!

יצחק גרינבוים.

פּאָליטישע איבערזיכט.

די מלחמות אין פֿערשידענע טהיילען פֿון אַראַניען הויבען אָן ווידער צו ווערען שטאַרקער. די בויערען האָבען אַרומגערינגעלט די שטאָדט וועפּענער, וואו עס זענען געשטאַנען 2,000 ענגלענדער. אויף נעהמען שטעדט זענען אָבער די בויערען, וואָס האָבען ניט געקריגען קיין מיליטערישע ערציהונג, גאַנץ קנאַפּע בריות. זיי האָבען בעשאָטען די שטאָדט מיט באָמבעס און זיי האָבען דאָך ניט געקאָנט אַרויסטרייבען פֿון דאָרטען די ענגלענדער. די מלחמה ביי וועפּענער האָט געצוואונגען ראָבערטסען אַרויסצושיקען אַ שטאַרקען חיל פֿון 30,000 מאַן אויסצולייזען די בעלאַגערטע שטאָדט. די בויערען האָבען זיך ניט געקאָנט אַריינלאָזען מיט אַזאַ גרויסען חיל אין מלחמה און זענען אָבגעטרעטען פֿון דער שטאָדט.

די טראַנסוואַלער דעפּוטאַציע האָט נאָך דערווייל גאָר ניט אויפֿגעטהון, זי האָפֿט אָבער אין אַמעריקאַ מעהר צו בעווייזען ווי אין אייראָפּאַ. און אין אמת'ן ווערט אין אַמעריקאַ די בעוועגונג געגען ענגלאַנד אַלץ שטאַרקער, דאָס פֿאָלק פֿאָדערט אַלץ ענערגישער, אַז דער פּרעזידענט מאַק קינליי זאָל זיך אָננעהמען פֿאַר די אומגליקליכע טראַנסוואַלער וועלכע האָבען מיט זייערע גבורות געוויס פֿערדינט די פֿרייהייט פֿון זייער לאַנד, וואָס איז זיי אַזוי טהייער. פֿאַר די טראַנסוואַלער ווערט אַגיטירט צווישען אַלע פֿעלקער און אַלע קלאַסען פֿון די פֿעראייניגטע שטאַטען. איצט האָט מען צוזאַמענגעקליבען 26,000 חתימות פֿון דער אַמעריקאַנישער שול־יוגענד, וועלכער דריקט אויס דעם טראַנסוואַלער פּרעזידענט קריגער איהר ליעבע און פֿריינדשאַפֿט צו די בויערען. דעם בריעף מיט די חתימות וועט איבערגעבען אַ 16 יעהריגער שילער, וועלכען אַמעריקאַ שיקט עקסטראַ אַרויס קיין טראַנסוואַל.

שטאַרק זענען אויך אויפֿגערעגט געגען ענגלאַנד פֿאַר די איצטיגע מלחמה די אירלענדער. אירלאַנד געהערט ענגלאַנד שוין פֿון לאַנגער צייט, אָבער די אירלענדער האָבען זיך נאָך ניט אָבגעזאָגט פֿון דער האָפֿענונג אויף זעלבסטשטענדיגקייט. די שטרענגע געזעצען, מיט וועלכע ענגלאַנד האָט בעהערשט אירלאַנד, האָבען אין לאַנד געשאַפֿען אַ שרעקליכע שנאה צו ענגלאַנד, וועלכע איז נאָך אַלץ ניט אויסגעלאָשען געוואָרען, האָטש איצט ווערט שוין אירלאַנד אַסך בעסער בעהאַנדעלט. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט דער ענגלישער מיניסטער גלאַדסטאָן פֿאָרגעשלאָגען אַז מען זאָל אירלאַנד געבען אַנ'אייגענעם פּאַרלאַמענט, כדי זי זאָל האָבען דאָס רעכט אַליין זיך צו בעהערשען, אַליין אַרויסצוגעבען פֿאַר זיך געזעצען. דאָס וואָלט געקענט צוריק אויסהיילען די וואונדען, וועלכע ענגלאַנד האָט אָנגעטהון אירלאַנד אין די פֿריהערדיגע יאָהרען, און אין גאַנצען אויסלעשען די שנאה צו ענגלאַנד. גלאַדסטאַנס פּראָיעקט איז אָבער ניט אָנגענומען געוואָרען און די אירלענדער בלייבען אויך ווייטער די פֿערביסענסטע שונאים פֿון ענגלאַנד. די צרות, וועלכע ענגלאַנד האָט אָנגעטהון אירלאַנד, זענען טאַקי זעהר גרויס. דאָס לאַנד איז פֿעראָרעמט געוואָרען. בעת אין ענגלאַנד פֿערדינט דורכשניטליך יעדער מענש 40 פֿונט אַ יאָהר, איז דער דורכשניטליכער פֿערדינסט אין אירלאַנד נור 12 פֿונט (אַ פֿונט סטערלינג איז אַנ'ערך פֿון 10 רובעל). דערפֿאַר איז די עמיגראַציאָן פֿון אירלאַנד קיין אַמעריקאַ שרעקליך שטאַרק. אין 1841 סטען יאָהר האָט אירלאַנד געהאַט 8,175,000 איינוואָהנער און אין 1891 יאָהר האָט זי געהאַט נור 4,704,000 דאָס הייסט אין די 50 יאָהר האָט אירלאַנד פֿערלאָרען דורך עמיגראַציע אַ גאַנצע העלפֿט פֿון איהרע איינוואָהנער.

צו שטאַרקען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען אירלאַנד און ענגלאַנד האָט זיך די אַלטע ענגלישע קעניגין איצט ענטשלאָסען צו בעזוכען אירלאַנד. מען האָט איהר אפילו אומעטום אין אירלאַנד גאַנץ גוט אויפֿגענומען, מען האָט איהר געשיקט דעפּוטאַציעס, וועלכע האָבען איהר געדאַנקט פֿאַר איהר בעזוך, אָבער אין דערזעלבער צייט האָבען די אירלענדער מודיע געווען אַז אָבגעבענדיג כבוד זייער גאַסט מיינען זיי דערמיט ניט זיך אָבצוזאָגען פֿון זייער אַרבייט פֿאַר אירלאַנדס זעלבסטשטענדיגקייט, וועלכע זיי וועלען פֿאַר אַ טאָפּ לינזען ניט פֿערקויפֿען.

אַ וויכטיגער פּאָליטישער וויזיט שטעהט אין גיכען פֿאָר אין בערלין. דער עסטרייכישער קייזער האָט צוגעזאָגט צו קומען אויף דעם פֿאַמיליען יום־טוב, וואָס וועט זיין דעם 6־טען מאַי ביי דעם דייטשען קייזער. דער וויזיט וועט נאָך אַ מאָל בעווייזען די פֿריינדשאַפֿט צווישען עסטרייך און דייטשלאַנד, און די פֿריינדשאַפֿט דאַרף טאַקי עסטרייך זעהר נייטהיג. שלעכטע צייטען זענען איצט אין עסטרייך, די מחלוקת צווישען די נאַציאָנען צורודערן דאָס גאַנצע לעבען און אין אַזאַ צייט איז גוט אַז

מען האָט אַ טרייען פֿריינד, אויף וועלכען מע קען זיך פֿערלאָזען. די שפּראַכפֿראַגע, פֿון וועלכער מיר האָבען שוין פֿיעל מאל געשריבען, די אונאָרדענונגען אין דער אַרמעע, די מחלוקת צווישען אונגאַרן און עסטרייך, דאס שטרעבען פֿון יעדען עסטרייכישען פֿאָלק זיך אבצוטהיילען און ווערען זעלבסשטענדיג דאַרפֿען ביי יעדערען אַרויסרופֿען טרויעריגע געדאַנקען, וועמען עס איז נור טהייער עסטרייכס איינהייט. דער מיניסטער קערבער האָט שוין אויסגעאַרבעט זיין פּראָיעקט וועגען די שפּראַכען אין בעהמען. דאס לאַנד ווערט לויט זיין פּראָיעקט צוטהיילט אין ריין דייטשע ערטער, וואו די רעגירונסשפּראַך וועט זיין דייטש, ריין טשעכישע, וואו די רעגירונגסשפּראַך וועט זיין טשעכיש, און געמישטע שטעדט, וואו ביידע שפּראַכען וועלען זיין גלייך. געמישט וועט הייסען יעדער אָרט, וואו די קלענערע נאַציאָן האָט לכל הפחות 25 פּראָצענט איינוואוהנער. אין די געגענדען, וואו עס וועט זיין נור איין שפּראַך, מעג יעדער אויך אנגעבען ביטשריפֿטען אין דער אַנדער שפּראַך אָבער נור דאַן, ווען ער קען ניט די הערשענדע שפּראַך. די טשעכען זענען אַבער מיט דעם נאָך אַליין ניט צופֿרידען, זיי פֿערלאַנגען אַ סאַך מעהר און מען קען דערפֿאַר ניט וויסען וואָס פֿאַר שוויריגקייטען עס וועט נאָך ווייטער האָבען קערבערס מיניסטעריום.

י. ל.

צווישען אונז גערעדט.

פֿאַר אַ יאָהרען אין דער צייט זענען געוועזען פּאָגראָמען אין ניקאָלאַיעוו, נאַגאָראַטאָווע און אין בערעזנעגאָוואַטע. פֿיעל יודישע פֿאַמיליען האָט מען אומגליקליך געמאַכט, אין נאַגאָראַטאָווע זעלבסט האָט מען צורויבט 154 יודישע הייזער, נאָך מעהר און ניקאָלאַיעוו. די טעג האָט די אָדעסער סודעבנע פּאַלאַטע געמשפּט די פּאָגראָמשטשעקעס. קיין נייעס אין דעם פּראָצעס איז ניט פֿאָרגעקומען, די זעלבע שרעקליכע בילדער ווי אין די פּאָגראָמען אין די 80-טע יאָהרען, יודישע פֿעדערען זענען געפֿלויגען אין דער לופֿטען, געבראָכען מעבעל, צוּוואָרפֿען סחורה פֿון די קלייטען, צוקער, טוך, קעראָסין, אַטלאָס, בוימעל, זיידענס, עסיג, גלאָז און אַנדערע סחורות צומישט צוזאַמען און געטרעטען מיט די פֿיס, אַ פּאָר ווייבער האָבען די פּאָגראָמשטשיקעס געדישעט זיי זאָלען געבען געלד, פֿון יודישען פֿערמעגען האָט מען געמאַכט אַ תל, צוגעגנבעט און צוראַבעוועט, און הונדערטער יודישע פֿאַמיליעס, טויזענטער יודישע נשמות, געוועזענע בעלי בתים, זענען מיט איין מאָל געוואָרען אביונים, בעטלערס אָהן פּרנסה, אָהן אשטיקיל ברויט אָהן אַ היים וואו דעם קאָפּ אנידערצולעגען. די פּאָגראָמשטשיקעס האָט די פּאַלאַטע שטרענג פֿערמשפּט. אָבער פֿאַר די אומגליקליכע אָבגעראַבעוועטע יודישע פֿאַמיליעס איז אַליין איינס, זיי איז פֿון די שטראַפֿען ניט וואַרמער און ניט קעלטער געוואָרען, זייער ביטערע לאַגע האָט זיך דערפֿון ניט פֿערבעסערט, זיי טראָגען אפֿילו ניט קיין שנאה צו די ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס וואָס האָבען זיי אַזוי אונשולדיג בעראַבעוועט, בעגנבעט און בעליידיגט. עס ליגט שוין אין יודישען כאַראַקטער ניט צו טראָגען שנאה אויף די וואָס טהוען דעם יודען שלעכטס.

די אַדוואָקאַטען וואָס האָבען פֿערטיידיגט אויף דעם פּראָצעס די יודישע אינטערעסען האָבען דעם יודישען כאַראַקטער אויסגעצייכענט פֿערשטאַנען, זיי האָבען ניט נור בעשולדיגט די פּאָגראָמשטשיקעס וואָס האָבען זייערע קליענטען אַזוי פֿיעל שלעכטס געטהון, נאָר פֿערקעהרט זיי פֿערטיידיגט. אין די פּאָגראָמען, האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט קאַראַבטשעווסקע, וואָס האָט אויף דעם סוד גערעדט אין נאָמען פֿון די אָבגעראַבעוועטע יודען, געפֿינט זיך ניט קיין רעליגיעזע און עקאָנאָמישע אורזאַכען, דאָס האָט פֿאַר אונז עדות געזאָגט דער רוסישער גייסטליכער איוואַניצקי. וואו זשע זענען די אורזאַכען וואָס מען איז אַנגעפֿאַלען אויף די אונשולדיגע יודען און זיי בעליידיגט? ניט אָט די פּראָסטע מענשען וואָס איהר ווילט משפּט'ן זענען שולדיג, שולדיג איז אונזער אונטעליגענץ. פֿון די 80-טע יאָהרען האָבען אַנגעהויבען פֿאַלען אונזערע בעסטע אידעאַלען און דאָס האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער יודישער פֿראַגע: אין דעם, אָהן שום ספק, דאַרף מען זוכען די אורזאַכען וואָס מיר הערען אָהן בושה אינטעליגענטע מענשען אויף דער גאַס, אין געזעלשאַפֿט און אין דעם געוויסען סאָרט צייטונגען דאָס וואָרט "זשיד" מיט פֿעראַכטונג, אונזער פֿאָלק איז ניט אַזוי פּראָסט ווי אַ מאָל, דאָס פֿאָלק לייענט שוין היינט אַ ביכיל, אַ צייטונג און הערט זיך צו צו דער אינטעליגעניץ. וואָס די אינטעלעגעניץ פֿערזייט וואַקסט אויס ביי פּראָסטע מענשען, פֿאַר די זינד פֿון דער אינטעלעגעניץ דאַרפֿען די פּראָסטע בעצאָהלען. אָט די פּראָסטע מענשען וואָס האָבען אַזוי בעליידיגט די יודען דאַרף דער סוד אַנשטאַט שטראָפֿען, זאָגען זיי! האָט ליעב דעם נאָהנטען ווי זיך זעלבסט.

אַ זעלטענער פֿאַל איז פֿאָרגעקומען אין סוד, וואָס אייגענטליך האָט עס נור פֿאַר יודען אַ גרויסען אינטערעס.

איינער פֿון די אַדוואָקאַטען וואָס האָט געזאָלט פֿערטיידיגען די פּאָגראָמשטשיקעס איז פּלוצים קראַנק געוואָרען, האָט די "פּאַלאַטע אויף זיין אָרט געשטעלט איין אַנדער אַדוואָקאַט ה' וואַרשאַווער (אַ יוד).

ה' וואַרשאַווער האָט אָנגעהויבען זיין רעדע מיט די ווערטער:

איך בין אַליין אַ יוד און מוז פֿערטיידיגען אַזעלכע פּערזאָנען וואָס האָבען בעליידיגט פֿיעל מענשען פֿון מיין גלויבען—מיינע ברידער. מיין יעצטיגע לאַגע קען אויסזעהן וואונדערליך. נאָר מען דאַרף ניט פֿערגעסען — ערשטענס: וואָס איך בין געקומען אַ הער פּלוצים און צווייטענס — דאָס איז די הויפּט זאַך — איך טרעט אַרויס אין אַזאַ סוד וואָס איז געגרינדעט אויף די "סודעבנע אוסטאַווען" פֿון יאָהר 1864, פֿאַר וועלכע אַלע מענשען זענען גלייך און עס איז קיין אונטערשיד צווישען יוד און קריסט, יעצט, גלויב איך, וועט זיך קיינער מעהר ניט וואונדערען וואָס איך בין געקומען און סוד.

פֿאַר די יודען וואָס האָבען זיך צווישען עולם געפֿונען אין סוד זענען ה' וואַרשאַווערס ווערטער געוועזען אַ טרייסט, וואָס געבילדעטע יודען האָבען זיך ענדליך אויפֿגעהערט זיך שעמען מיט דעם נאָמען יוד און ליידען פֿון יודישע צרות גלייך מיט זייערע ברידער.

אויף דעם פּראָצעס האָבען מיר זיך דערוואוסט פֿון אַ יודיש פֿערזעהעניש.

דער ניקאָלאַיעווער פּאָליציימייסטער האָט עדות געזאָגט: אין דער צייט פֿון די פּאָגראָמעס האָט ער אַרעסטירט 700 פּערזאָן, צווישען זיי האָבען זיך געפֿונען פֿיעל אינטעליגענטע, נאָר ווייל עס זענען ניט געוועזען קיין בעווייזע האָט ער זיי געמוזט אַרויסלאָזען (אַ נאַדזוראַטעל האָט עדות געזאָגט אַז די אינטעליגעניץ האָט די פּאָגראָמשטשיקעס צוגעגעבען חשק אָנצופֿאַלען אויף יודען). צווישען די פּאָגראָמשטשיקעס, האָט דער פּאָליציימייסטער ווייטער דערצעהלט, האָט זיך אויך געפֿונען אַ יודעלע, ער האָט אויך געוואָרפֿען שטיינער. אַ קאָזאַק האָט איהם אויף דעם אָרט צו טוידט געשאָסען. —

ה' קאַראַבטשעווסקע האָט בעשולדיגט די אינטעליגעניץ וואָס זייערע פּראָסטע ברידער פֿאַלען אָן ראַבעווען אונשולדיגע מענשען.

מיר מיינען אַז דאָס וואָס צווישען אונז וואַקסען אויס אַזוינע פֿאַרזעהענישען, יודעליך וואָס טהון שלעכטס יודען, איז אויך אין דעם שולדיג אונזער אינטעליגעניץ ... דאָס ניקאָליעווער יודיל איז ניט קיין איינציג פֿערזעהעניש צווישען אונז וואָס טהוט אונז שלעכטס.

מ. חיות.

מען שרייבט אונז:

ד"ר ל. פּאַגעל פֿון וואַרשא: דעם 12 טען אַפּריל איז אין "יודישען בקור חולים" פֿאָרגעקומען אַ זעלטענער יום טוב. דער גאַנצער פּערסאָנאַל האָט געפֿייערט אַ יובילײ פֿון דעם בעוואוסטען ד"ר יעקב ראָזענטאַל. דעם טאָג איז געוואָרען דרייסיג יאָהר זייט ה' ראָזענטאַל איז אַריינגעטרעטען אין יודישען בקור חולים אַלס ערשטער אָרדינאַטאָר פֿון פֿרויען קראַנקהייטען. ד"ר פֿינקעלקרויט האָט אין זיין רעדע כאַראַקטעריזירט דעם יובילאַר אַלס אָרנטליכען אַרבייטער

און אַלס מענשען, נאָכהער האָט ער איהם דערלאַנגט אַ זעלטען־שענעס אַלבום מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס און אונטערשריפֿטען פֿון דעם גאַנצען פערסאָנאַל. ד"ר קראַמשטיק, דער הויפּט דאָקטאָר פֿון בקור חולים האָט בעמערקט די וויכטיגקייט פֿון אַזאַ יום טוב, דאָס וועט צוגעבען יעדען דאָקטאָר קראַפֿט צו אַרבייטען לְטוֹבַת הַכְּלָל. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט דער געשעצטער יובילאַר גדאַנקט יעדען וואָס זיי האָבען איהם ניט פֿערגעסען און צוגעזאָגט אַז מיט זיינע אַלע קרעפֿטען וועט ער אויך ווייטער אַרבייטען פֿאַר דעם בקור חולים. אַלע און איך אויך צווישען זיי, ווינשען איהם אַז זיין וויכטיגע אַרבייט פֿאַר דעם כּלל זאָל געדויערן, פֿיעל, פֿיעל יאָהרען. —

י. ר. פֿון וואַרשא: אין דער יודישער מעדכען שולע פֿון פֿרוי ראַקאָווסקע האָבען די קינדער דעם 3־טען טאָג חול הַמּוֹעֵד שֶׁל פֶּסַח פֿאָרגעשטעלט אַ העברעאישע סצענע „חִזָּיוֹן מֵחַיֵּי הָאִכָּרִים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" פֿערפֿאַסט פֿון ה' לובאָשיצקי. די קינדער האָבען אויך געזונגען העברעאישע, רוסישע און פּאָלנישע שירים פֿון טשערניחאָווסקע, פֿרוג, נאַדסאָן און אַנדערע. די פֿערבעטענע געסט האָבען געהאַט די גרעסטע פֿערגניגען זעהענדיג די גוטע פֿאָרשריטען פֿון די שילערינס.

אַגראָדנער פֿון גראָדנא: שוין אַ יאָהר אַז ביי אונז געפֿינט זיך אַ חֶבְרָה „פּוֹעֲלֵי צִיּוֹן". די חֲבֵרִים קלויבען זיך צוזאַמען יעדען אבענד, מען לערנט העברעאיש, תנ"ך און געשיכטע. עס איז שען צו זעהן ווי יונגע און אַלטע יודען וואָס אַרבייטען דעם גאַנצען טאָג אין פֿאַבריק געהען ניט אַהיים נאָר אין איינעם פֿון די בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, וואו די חברים קלויבען זיך צוזאַמען און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצען זיי, דער מיט אַ העברעאישער גראַמאַטיק און דער מיט אַ העפֿט. דער לעהרער ה' בלאָך איז מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען דער חברה. מען קען זאָגען אַז נור ה' בלאָכען האָבען די שילער צו פֿערדאַנקען זייער נוטצע פּעוּלה אין לערנען. פֿיעל וואָס האָבען מיט אַ יאָהר צוריק געקענט קוים לעזען, קענען איצטער אויסגעצייכנעט די גראַמאַטיק און מאַכען איבערזעצונגען אָהן פֿעהלער. די גראָדנער ציוניסטען אינטערעסירען זיך מיט דער זעלטענער חברה און בעזוכען זי אָפֿט.

א. מ. פֿון פּראָסניש (פּלאָצק. גוב.): מיט דער ערלויבניס פֿון דער פּאָליציע האָט מען געשפּיעלט אין שטעדטישען טעאַטער „שולמית" פֿון גאָלדפֿאַדען. דער טעאַטער איז געוועזען פֿול. די ראָלען האָבען געשפּיעלט נור בחורים. איבערהויפּט האָבען זיך אויסגעצייכנעט ה"ה קעניגסבערג (שולמית) וויינטרויב, ציגאַר און וויכער און נאָך אַנדערע. דער עולם איז געוועזען זעהר צופֿריעדען פֿון זייער שפּיעלען. דאָס געלד איז געגאַנגען אויף אונזער בקור חולים. —

משה באָיאַרסקי פֿון טאַראַשטשאַ (קיעוו. גוב.): אונזער שטעדטיל איז אַ פֿערוואָרפֿען ווינקעל, ווייט פֿון אייזענבאַהנען און דאַמפּפֿשיפֿען, אַ גרויסער סאָסנאָווער וואַלד רינגעלט אַרום דאָס שטעדטיל און שנייד אונז אָב פֿון דער וועלט. פֿון די צייטונגען וואָס מיר בעקומען צוויי מאָל אין וואָך דערוויסען מיר זיך אַז אויסער אונזער שטעדטיל איז נאָך דאָ אַ וועלט, וואָס אַרבייט און רַעַשְׁט טאָג מיט נאַכט. די לעצטע פֿאַר יאָהר האָט די ליכטיגע שיין פֿון ציון דורך געשיינט אפילו דורך אונזער געדיכטען וואַלד, יעצט געפֿינט זיך ביי אונז אַ חברה „אֲגוּדַת צִיּוֹן" און „בְּנוֹת צִיּוֹן". ניט לאַנג האָבען זיי בעקומען איין ערלויבניש צו עפֿענען אַ תלמוד תורה, מען האָט אויך געגרינדעט אַ ביבליאָטהעק, צום בעדויערן אָבער האָבען די ציוניסטען נאָך דערווייל גאָר ניט געטהון פֿאַר די ביידע זאַכען, זיי פֿערליערען זייער צייט מיט אֲסִיפוֹת און האָדעווען נור מיט הַבְטָחוֹת, דאַגעגען אָבער פֿערגרעסערן די „בנות ציון" אַליין מעהר זייער אַרבייט, שוין אַ יאָהר צייט אַז זיי האָבען געעפֿענט אַ מעדכען שולע און די בנות ציון געבען דאָרט אומזיסט שטונדען יעדען טאָג. דעם 9־טען מאַרט איז געוועזען די עקזאַמענס וועלכע האָבען זיך געענדיגט אויסגעצייכנעט, נאָך די עקזאַמענס האָט מען די אָרימע קינדער געטהיילט אויף יום טוב נייע מלבושים. עס איז נור צו ווינשען אַז אין דער שולע זאָל מען מיט די קינדער אויך לערנען העברעאיש און יודישע געשיכטע. —

א. מ. פֿון בראַצלאַוו (פּאָד. גוב.): אונזער תַּלְמוּד תּוֹרָה געפֿינט זיך אין איין אַלטער חוּרְבָּה פֿאַר וועלכע מען צאָהלט 30 רובל אַ יאָהר. די ווענד זענען נאַס פֿון פֿייכטקייט און ווען עס געהט אַ רעגען קאַפּעט פֿון דער סטעליע. דער גְּמָרָא מְלַמֵּד נעמט 60 רובל אַ זְמַן, עס געפֿינט זיך אויך אַ רוסישער לעהרער וואָס פֿערלאַנגט אַז מען זאָל פֿאַר די קינדער קויפֿען ביכער צום לערנען, גאָר די הוֹצָאוֹת געפֿינען די מַשְׁגִּיחִים פֿאַר איבריג. פֿון דעם אַלעמען קענט איהר זיך פֿאָרשטעלען אין וואָס פֿאַר אַ שטאַנד עס געפֿינט זיך אונזער תלמוד תורה. אַ פּאָר יונגע לייט פֿון די היגע ציוניסטען האָבען פֿאָרגעלעגט לערנען אומזיסט אין תלמוד תורה, נור די משגיחים לאָזען זיי אַהין ניט אַריין, זיי זאָלען חַס וְשָׁלוֹם ניט אַריינטראָגען אַהין קיין אַפּיקורסות.

די יודישע וועלט

עסטרייך. — געגען עלילת־דם. ווי עס איז ידוע, וואַקסען אַלעמאָל אויס אין עסטרייך משפּטים, וועלכע האָבען געוויסע סימנים פֿון עלילת־דם. אויסער דעם בעקאַנטען פּראָצעס פֿון פּאָלנא ראָט שוין פֿיעל מאָל געטראָפֿען, דאָס ווען עס קומט פֿאָר אַרציחה פֿון אַ קריסט דורך איין אונבעקאַנטען מערדער, אָדער ווער שמועסט — דורך אַ יודען בענוצען זיך באַלד די אַנטיסעמיטען, כדי אויסצובויען איין עלילת־דם אויף יודען. די ליבעראַלע דעפּוטאַטען פֿון ניעדערעסטרייכישען לאַנדטאַג האָבען אָנגעפֿרעגט די רעגירונג, וואָס זי קלערט צו טהון געגען די בלוטבעשולדיגונגען אויף יודען, וועלכע שפּראַצען אויס די לעצטע צייט אין פֿערשיעדענע ערטער. דער שטאַטהאַלטער גראַף קילמאַנזעגג האָט געענטפֿערט, אַז די פֿאַלשקייט פֿון עלילת־דם איז שוין פֿיעל מאָל בעוויזען געוואָרען דורך קריסטליכע געלעהרטע, און אויך איינינע פּאַפּסטען האַבען מודיע געווען אין בעזונדערע הודעות אַז די בלוטבעשולדיגונג איז פֿאַלש. די ממשלה בעדויערט זעהר וואָס עס ווערען צושפּרייט צווישען פֿאָלק אַזאַלכע מעשיות, וועלכע ברענגען נור צו שִׂנְאָה און קריעג. אויסצוּוואָרצלען די נאַרישקייטען איז נור מעגליך דורך פֿערשפּרייטען פֿון בילדונג צווישען פֿאָלק. ווייל אָבער די אַנפֿרעגער ווייזען אָן אויף דעם, אַז די פֿאַלשע בעשולדיגונגען ווערען צושפּרייט דורך שלעכטע מענשען צו דערוועקען שנאה אויף יודען, מוז איך בעמערקען אַז די ממש"ה וועט טהון אַלעס מעגליכע כדי צו פֿערהיטען אַזאָלכע זאַכען און צו בעשטראָפֿען די שולדיגע.

די באַריסלאָווער אַרבייטער. דער בירגערמייסטער פֿון באַריסלאַוו ה' קאָנהאַבער האָט אַרויסגעלאָזט פֿאָלגענדען אויפֿרוף.

„דער 20 פֿעברואַר איז געווען אַ אומגליקליכער טאָג פֿאַר די באַריסלאָווער יודישע אַרבייטער; אין דעם טאָג האָבען זיי אַלע געמוזט לויט דעם בעפֿעהל פֿין דער פּאָליציי אַוועקלעגען די אַרבייט אין די שאַכטען, און הונדערטער פֿאַמיליען האָבען פֿערלוירען זייער פּרנסה.

וועגען די באַריסלאָווער אַרבייטער האָט מען שוין פֿיעל געשריעבען און אויך עפּיס געטהון; אויך יעצט עקזיסטירט איין אונטערשטיצונגס קאָמיטעט, וועלכער שיקט ביסליכווייז די אָרימע אַרבייטער קיין אַמעריקאַ אָבער דאָס אַלעס איז ווי אַ טראָפּען אין ים הגדול, דען דער קאָמיטעט איז נישט אים שטאַנד אַלע צו שטיצען און די אַרבייטער קענען נישט וואַרטען; זיי מוזען האָבען ווענִיגסטענס אַ שטיקיל ברויט.

מיר בעטען נאָך אַ מאָל נישט צו פֿערגעסען די אומגליקליכע באַריסלאָווער אַרבייטער וועלכע ווילען אַרבייטען מיט אַלע כּח'ת, און וועלכע האָבען ניט דערצו די מעגליכקייט."

רוסלאַנד. — סענאַטס־ערקלערונגען. דער I טער דעפּאַרטעמענט פֿון סענאַט האָט ערקלערט, אַז לויט געזעץ (סוואָר זאַק' 1876, 11 סט' 1802 און בעמערקונג צו סט' 954 פּאַרטזעצ' פֿון 1895 יאָהר), אויב עס געפֿינט זיך אַ טעות אין דער מעטריצעסקע סוויריעט' פֿון אַ יודען קען דער גובערנאַטאָר אַליין הייסען פֿערריכטען דעם טעות ווען ער וועט איינזעהען אַז דער טעות איז געמאַכט דורך דעם שרייבער, וועלכער פֿיהרט די מעטריצעסקע ביכער, און דער יוד דאַרף זיך נישט ווענדען צום אקרוזש' סוד, ער זאָל הייסען פֿערריכטען דעם פֿעהלער.

דער סענאַט האָט נאָך ערקלערט, אַז ווען דער גובערנאַטאָר האָט איינמאָל געגעבען איין ערלויבניש צו עפֿענען אַ קלויז (בית־תפלה) און אין דער ערלויבניש שטעהט נישט, אַז זי איז געגעבען נור אויף אַ געוויסע צייט, האָט ער נישט קיין רעכט צו פֿערמאַכען נאָכהער דעם קלויז, איבער דעם טעם ווייל ער האָט נישט ערנייערט דעם קאָנטראַקט מיט דעם בעל־הבית פֿון הויז (דען אין דעם פֿאַל קען מען איבערטראָגען דעם קלויז אין איין אַנדער הויז), אָדער ווייל אין דער שטאָדט איז שוין דאָ גענוג שולען (לויט געזעץ קען זיין איין קלויז אויף 30 הייזער און איין שול אויף 80 הייזער).

דער פּריזיוו פֿון יאָהר 1899. פֿון דעם דין וחשבון פֿון מיניסטער דעם אינע־ען וועגען פּריזיוו אין 1899 יאָהר קען מען אַרויסנעהמען די דאָזיגע רעזולטאַטען:

אין 1899 יאָהר זענען גערופֿען געוואָרען צום פריזיוו: 912,992 נישט־יודען און אויך 53,686 יודען. דערפֿון האָט מען אָבגענומען פֿאַר סאָלדאַטען: 274,275 נישט־יודען און אויך 16,825 יודען.

קומט אויס, אַז נישט־יודען האָט מען אָבגענימען 30,40 % און יודען 31,34 %, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, פֿון יעדע גערופֿענע 10,000 מאַן האָט מען גענומען יודען 3,134 און נישט־יודען — 3,004 ד. ה. אַז פֿון יעדע 10,000 יודען האָט מען צוגענומען מיט 130 מאַן מעהר ווי פֿון 10,000 מאַן נישט־יודען, אונדעסטוועגען האָט נאָך פֿון יודען געפֿעהלט.

איין אבענד אין ווילנער לעהרער־אינסטיטוט. דעם 30 מארט איז געווען אין ווילנא אין יודישען לעהרער אינסטיטוט אַ ליטעראריש־מוזיקאַלישער אבענד, אויף וועלכען זענען געקומען דער ווילנער גענעראַל־גובערנאטאר גענעראל־אדיוטאַנט וו. נ. טראצקי, דער גובערנאטאר, וויצע־גובערנאטאר, דער קיראטאר (פאפעטשיטעל), דער דירעקטאָר פֿון די לעהר שולען, און נאָך אַנדערע. דער אבענד איז געווען אַ היימישער און פֿרעהליכער. ער האָט געמאַכט אויף יודען זעהער אַ גוטען רושם. די ווילנער יודען בכלל זענען זעהר צופֿריעדען פֿון דעם כבוד וואָס האָבען זיי אנגעטהון די געשעצטע געסט.

= דעם $^{15}/_{28}$ אַפריל קומט ה׳ א. גינצבערג (אחד־העם) צוריק נאָך אָדעס פֿון זיין רייזע אין ארץ־ישראל.

*

רומעניען. בריעף צווישען רומעניען און שפאַניען. דער ניואָרקער „וואָרלד" דערצעהלט אַ שענע מעשה, וועלכע איז ווי עס ווייזט אויס מעהר שען ווי אמת:

איין אַנטיסעמיטישער פעראיין אין רומעניען האָט זיך געווענדט צו דער רעגירונג אין מאדריד מיט אַ ביטע זי זאָל איהר מודיע זיין איניגע פֿון איהרע אַלטע געזעצען מיט וועלכע שפאַניען האט זיך געשיצט פֿאר די יודען אין די שענע צייטען פֿון דער אינקוויזיציאָן. אַ גרויסער בעאַמטער אין שפאַניען האָט דעם אַנטיסעמיטישען פֿעראיין געגעבען די דאָזיגע תשובה: „מיר האָבען קיין צייט נישט צו זוכען אין די אַלטע ארכיווען; נאָר אויב עס איז פֿאַר אייך נישט קיין גרויסע טרחה, בעטען מיר אונז מודיע צו זיין, מיט וואָס פֿאַר אַ מיטעל וואָלטען מיר קענען אַריינקריגען צו זיך צוריק די יודען, דען זייט די יודען זענען פֿערטריבען געוואָרען פֿון שפאַניען איז געוואָרען זעהר שלעכט די צייט, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין".

*

טערקיי. — יודישע עמיגראַנטען אין טערקיי. ניט לאַנג זענען געקומען פֿיעל יודישע פֿאַמיליען פֿון רומעניע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פֿון דאָרט וועלען זיי ווערען געשיקט ווייטער קיין קליינאַזיען אין די געגענדען פֿון איזמיר און עסקישער, און דאָרט וועלען זיי בעקומען ערד פֿון דער טערקישער ממשלה. יעדער פֿון די עמיגראַנטען האָט בעקומען אין קאנסטאַנטינאָפּאל געלדגעשענקע פֿון סולטאַן.

יודען אין ציפערן. ⁂ דעם Jewish Chronicle שרייבט מען פֿון ציפערן (קפריסין) די קאָלאָניע מארגא־חיפליק איז יעצט אַ דאנק דער יודישער קאָלאָניזאַציאָן־געזעלשאַפֿט (יק"א) אין אַ בעסערער לאַגע ווי פֿריהער. יעדער פֿון די קאלאָניסטען האָט בעקומען צו די 100 דונאם וואָס ער האָט געהאַט נאָך 100 דונאם. אויסער דעם האָט די קאָלאָניע בעקומען אַ צווייטע שניטמאַשינע, אַ דרעשמאַשינע און פלוגען. די קאלאָניסטען וועלען האָבען אַ גרעסערע הכנסה פֿון מילכווירטשאַפֿט, ווייל יעדער האָט בעקומען נאָך אַ קוה: מען האָט אויך געפֿלאַנצט נייע בוימער, פֿון וועלכע די קאָלאָניסטען וועלען שפעטער בעקומען הכנסה. דער געזונדהייטסצושטאַנד פֿון דער קאָלאָניע האָט זיך געבעסערט, אויך די ערנטע שטעהט גוט, און מען בעדאַרף נור אַביסיל רעגען.

קירצליך איז געווען אין ציפערן ה׳ ניעגא דער דירעקטאָר פֿון „מקוה ישראל", אין שליחות פֿון יק"א צו בעקענען זיך מיט דער לאַגע פֿון די קאָלאָניסטען.

פֿאַר איניגע מאָנאַטע איז געקומען קיין ציפערן אַ קליינע צאָהל רומענישע יודען, וועלכע האָבען זיך געלאָזט אַנרעדען פֿון דוד טריטש, דעם אגיטאַטאר פֿאַר ציפערן. צום ערשטען איז געקומען אַ בלעכער פֿון בוקארעסט מיט זיין פֿאַמיליע, און בעקומען אַ קליינע צייט ארביט אין דער קאָלאַניע. יעצט פֿאהרט ער קיין אשעריטאָן וואו ער האָפֿט צו בעקומען אַרביט ביי דער רעגירונג אין די וואַסערווערקען (ארבייטען צו בעוועסערן די פֿעלדער); דאָרט אַרבייטען אויך 12 יודען פֿון גאלאץ, נאר די ארבייטען וועלען נישט לאַנג דויערן. 2 רוסישע יודען האָבען געקויפֿט א שטיקיל ערד נעבען דער קאָלאָניע מארגא, און זיך געווענדט מיט א ביטע צו דער יק"א, זי זאָל זיי ערלויבען בויען זייערע הייזער אין דער קאָלאָניע.

ה׳ טריטש איז אין מאָנאט אפריל אָנגעקומען קיין ציפערן מיט 18 יודישע ארבייטער פֿון באָריסלאוו. דערווייל וועט ער קענען קריעגען פֿאר זיי ארבייט אין די וואסערווערקען, אָבער וואָס וועט ער טהון אין 4—6 חדשים ארום, ווען די ארבייטען וועלען זיך ענדיגען? מען מוז דארום יעדען מזהיר זיין נישט צו פֿאָהרען קיין ציפערן, ווייל בכלל איז דארט זעהר שווער צו בעקומען ארבייט; עס איז דאָרט נישטאָ קיין שום פֿאבריקען און ווארשטאטען.

*

שפאניען. — אין דער יודיש רומענישער צייטונג „היועץ" איז געדרוקט א בריעף פֿון איודען וועלכער וואָהנט אין באַרצעלאָנא. דאָרט וואָהנען — ווי דער קאָרעספאנדענט איז מודיע — 20 יודישע פֿאמיליען און יעדער ווייסט אז זיי זענען יודען. די היינטיגע שפאניער בעווייזען נישט קיין שום שנאה צו יודען. דער קארעספאָנדענט גיט איין עצה די רומענישע יודען זיי זאָלען פֿאָהרען קיין שפאניען און דאָרט וועלען זיי לייכט געפֿינען א זיכערע פרנסה.

*

אמעריקא. — דעם 29 מערץ איז געשטאָרבען אין צינצינאטי דער בעריהמטער רעפארם־ראבינער איזאאק מ. וויס 81 יאָהר אלט. דער ראבינער וויס איז געווען דער בעקאנטעסטער מאן צווישען די אמעריקאנישע יודען; פֿון איין זייט האָט מען איהם געהאלטען גרויס ווי א נייעם געזעצגעבער און פֿון אנדערער זייט האָט מען פֿערשאָלטען זיין נאָמען, ווי איין אפיקורוס. אבער אלע מוזען מודה זיין, אז ער איז געווען א וויכטיגער מענש. במשך פֿון 54 יאָהר איז ער געווען פרעדיגער, שריפֿטשטעלער לעהרער און צייטונגס־שרייבער, און ביז דעם לעצטען טאָג פֿון זיין לעבען האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו ארבייטען.

ד"ר וויס איז געבאָרען אין דעם בעהמישען דארף שטיינגרוב, און נאכדעם ווי ער איז געווען א קורצע צייט לעהרער און פרעדיגער אין ראדניץ (בעהמען) איז ער מיט זיין ווייב און קינד אוועקגעפֿאָהרען קיין אמעריקא. בא־ נאָך זיין אָנקומען איז ער געוואָרען ראבינער אין אלבאני. דאמאלס איז ע נאָך געווען אזוי פרום, אז ער האָט יעדען טאָג נאָך דעם דאווגען פֿאָרגעלייענט פֿאר דעם עולם א פרק משניות, נאָר אין יאָהר 1850 האָט ער זיך שוין ארויסגעוויזען אלס רעפארם ראבינער, וועלכער האָט זיך גענומען אבשאפֿען אלע אלטע מנהגים.

אין יאהר 1854 איז ער געוואָרען ראבינער אין דער געמיינדע „בני ישרון" אין צינצינאטי, און דאָרט האָט ער געפֿונען א פאסענדען פלאץ צו זיין רעפֿאָרם־אַרבייט. אין צינצינאטי האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען א ענגלישע וואָכענשריפֿט The American Israelite, און דערנאָך א דייטשע וואָכענשריפֿט „דבורה". זיין שטה איז געווען, אז די יודען זאָלען פֿון זיך אלעס אראבווארפֿען, וואָס עס איז נישט אמעריקאניש, און איינצופֿיהרען רעפֿאָרמען אין דער אמונה. פֿון דעם סידור האָט מען אויסגעמעקט אלעס וואָס דערמאהנט אן ציון, אן קרבנות און תחית־המתים. אין דער שול האָבען געדאווענט צוזאמען פֿרויען און מענער, און עס זענען איינגעפֿיהרט געוואָרען אָרגעלשפילען און א כאָר פֿון מעדליך.

אין יאהר 1873 האָט ער אויסגעפֿיהרט א זאך צו וועלכער ער האָט פֿון לאנג געשטרעבט: ער האָט געגרינדעט איין אמעריקאנישען געמיינדעבונד, דער געמיינדעבונד האָט מיט צוויי יאָהר שפעטער געגרינדעט דאס ערשטע אמעריקאנישע ראבינער־סעמינאר אין צינצינאטי. דר. וויס האָט זיך אויך קונה שם געווען אלס מחבר פֿון וויכטיגע ספֿרים. אין זיין לעצטען גרויסען ווערק „איינלייטונג (מבוא) צו דער ביבעל" האלט ער שטארק מיט דער מסורה ווי מיר האָבען מקבל געווען פֿון חז"ל.

אין די לעצטע טעג פֿאר זיין טויט האָט ער געדרוקט איין ארטיקעל וועגען ציוניזם. נאָך זיין מיינונג דארף מען אונטערשטיצען דעם ציוניזם דערפֿאר, ווייל ער ברענגט צו אחדות צווישען יודען.

*

אפריקא. — פאלקאווניק גאלדסמיט. דער פאלקאווניק גאלדסמיט, וועלכער געפֿינט זיך יעצט אין טראנסוואל איז געווען ביי דער מלחמה פֿון פארדערבערג. זיין פערד איז געוואָרען צווייםאָל פֿערוואונדעט; ער אליין איז אויך אָנגעריהרט געוואָרען פֿון אפאָר קוילען, נאָר עס האָט איהם פֿיעל ניט געשאדט. דערווייל איז ה׳ גאלדסמיט קאמענדאנט אין מאריוועפֿאָרט.

אלגעמיינע וועלט נייעס.

די פאריזער וועלט אויסשטעלונג.

דעם $^{1}/_{14}$ טען אפריל איז געעפֿענט געוואָרען די פאריזער וועלט אויסשטעלונג מיט גרויס פאראד. דער פרעזידענט לובע מיט די מיניסטארען זענען געקומען אויף דעם פלאץ פֿון דער אויסשטעלונג, און דאָרט האבען זיי אופֿגענומען דער גענעראל־קאָמיסאר פיקאר און די אויסלענדישע געזאנדטע.

חאטש מען האט פֿאר דעם עפֿענען פֿון דער אויסשטעלונג געארבעט טאג און נאכט, כדי אלעס גרייט צו מאכען צים טערמין, פֿונדעסטוועגען זענען נאך פֿיעל געביידען און פאוויליאנען געבליעבען נישט פֿארטיג און עס שטעהען אסך וואגאנעס מיט ניט אויסגעפאקטע זאכען. דער פעסטזאל זעהט נור אויס ווי פֿארטיג ווייל די ניט פֿארטיגע שטעלען זענען בעהאנגען מיט שענע שטאָפֿען. ווען עס וואלט גערעגענט בשעת עפֿענען די אויסשטעלונג וואלט דורכגערעגענט דורך דער דעקע; נאר צום גליק איז געווען שען וועטער.

דער פֿעסטזאל איז דער גרעסטער זאל, וועלכער עקזיסטירט אין דער וועלט. ער קען אריינגעהמען אין זיך 25000 פערזאנען. דער קיילעכדיגער גלעזערנער קופאל נעבען וועלכען עס געהט נידריגער א דעקע געציירט מיט 4

גרויסע בילדער איז אנגעלעהנט אויף 16 זיילען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אין פֿערשידענע טהיילען פֿון זאל. בשעת דעם עפֿענען פֿון דער אויסשטעלונג זענען געווען אלע פלעצער אין זאל און אויף די גאלערייעס בעזעצט. אונטען אין זאל זענען געזעסען די דעפּיטאטען פֿון פארלאמענט. סענאטארען, הויכע בעאמטע, דעפוטאצ־עס פֿון פערשידענע חברות, אויסשטעלער א. ז. וו. אויף די גאלערייעס זענען געזעסען מעהרסטענטהיילס דאמען אין העלע טואלעטען.

די ערשטע רעדע האט געהאלטען דער האנדעלסמיניסטער מילעראן. נאכדעם ווי ער האט אויסגעדריקט זיין דאנק דעם גענעראל־קאמיסאר פיקאר און זיינע מיטהעלפֿער און די פֿערטרעטער פֿון די ממשלות, וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אויף דער וועלטאויסשטעלונג, האט ער געזאגט:

„די מאשין איז געווארען די בעהערשערין פֿון דער גאנצער וועלט; זי פֿערטרעט די שטעלע פֿון ארבייטער, העלפֿט זיי מיט, און פֿערמעהרט די פֿערבינדונגען צווישען די פעלקער. דער טייט אפילו האט אויך געמוזט צוריקטרעטען פֿאר דעם גאנג פֿון מענשליכען גייסט: די מעדיצינישע וויסענשאפֿט מאכט שטארקע פֿארטשריטע. די וויסענשאפט טהוט דעם מענשען נאך א וויכטיגערע טובה, זי זאגט איהם אויס דעם סוד ווי צו פֿערמעהרען די מאטעריעלע און מאראלישע גרויסקייט פֿון די פעלקער. דער סוד ענטהאלט זיך אין דעם ווארט־אחדות.

די איינריכטונגען צו פֿערזארגען אלטע און קראנקע, די איינריכטונגען, וועלכע זענען געגרינדעט אויף דעם געפֿיהל פֿון גערעכטיגקייט און ליעבע צו דער מענשהייט, די געזעלשאפטען און חברות, ווי איבערהויפט אלעס וואס האט דעם צוועק צונויפצובינדען איינצעלנע מענשען און צו מאכען פֿון זיי איין פֿעסטען גוף, כדי אויף דעם אופן צו פערשטארקען די איינצעלנע פערזאנען, וועלכע זענען אליין פאר זיך שוואך — דאס אלעס בעווייזט ווי שטארק עס איז די אחדות צווישען דער גאנצער מענשהייט.

די אחדות האט דעם צוועק אין יעדער נאציאן צו פֿערקלענערען די אונגלייכהייטען, וועלכע קומען פון דער געזעלשאפטסארדנונג. זי האט זיך פֿארגענומען אלע צו פערייניגען מיט די בענדער פון אמת׳ע ברידערליכקייט. אינטערעסען, אידעען, געפֿיהלען מישען און פערבינדען זיך אומעטום אויף דער גאנצער וועלט. און וואס מעהר עס פלאנטערען זיך צוזאמען — דורך פֿערגרעסערונג פון די בעדערפֿנישען און לייכטיקייט פֿון אויסטויש — די בעציהונגען צווישען פערשיעדענע פעלקער, האבען מיר אלץ מעהר רעכט צו האפען און צו פערלאנגען, אז עס זאל שוין קומען דער טאג, ווען די גאנצע וועלט וועט איינזעהען אז דער שלום און דער קאמפף פֿון דער ארבייט ברענגען מעהר נוצען ווי מלחמות. ארבייט, דו בעפרייערין! דו ביזט עס, וועלכע אונז עדעלט און טרייסט! אונטער דיינע טריט פֿערשווינדט די אונוויסענהייט און אנטלויפט דאס שלעכטע! דורך דיר וועט די מענשהייט אויסגעלעזט ווערען פון דער קנעכטשאפט, פון דער נאכט!

שטייג אויף אונגעשטערט צו דעם לייכטענדען און ריינעם פונקט, וואו עס וועט אמאל מקוים ווערען דאס אידעאל פֿין גערעכטיגקייט און גוטס״

דער פרעזידענט לובע האט געענטפערט מיט די ווערטער: „בעת די פראנצויזישע רעפובליק האט איינגעלאדען די ממשלות און די פעלקער כדי פארצושטעלען א פאלקאמען בילד פֿין דער מענשליכער ארבייט, האט זי געמיינט נישט נור צו שאפען א פארשטעלונג פֿין וואונדערליכע זאכען און אויפצופרישען דעם אלטען שם פֿון פראנקרייך׳ס גלאנץ, העפל כקייט און גאסטפריינדליכקייט. מיר האבען געמיינט נאך פֿיעל מעהר: פראנקרייך האט געוואלט מיט דער אויסשטעלונג עטוואס שאפען וואס זאל איבערלעבען די הערליכקייט פֿין יום טוב, פראנקרייך וויל מיט איהר אויסשטעלונג פערשטארקען דעם שלום און די ברידערליכקייט צווישען די פעלקער. פראנקרייך מיינט צו טהון גוטס דער גאנצער וועלט איצט אויף דער גרענעץ פֿון דעם פעריגאנגענעם יאהרהונדערט, וועלכעס האט נישט אין גאנצען מנצח געווען דעם טעות און די שנאה, נאר וועלכע האט אונז דאך איבערגעלאזט א פעסטען גלויבען אין פארטשריט.

דערום פערנעהמען אויף דער אויסשטעלונג די פֿאלקסווירטשאפטליכע איינריכטונגען דעם גרעסטען פלאץ, און בעווייזען ווי יעדע מלוכה שטרעבט צו פֿערפֿיינערען אין דער געזעלשאפֿט די קונסט צו לעבען. זיי, די איינריכטונגען, וועלען בעזאנדערס אויסצייכנען די אויסשטעלונג, וועלכע איז אגרויסע שולע צו לערנען. דורך די איינריכטונגען וועלען מיר זעלבסטפערשטענדליך נישט פערגעסען די ענטדעקונגען פֿון דער וויסענשאפט און די מייסטערווערק פֿון דער קונסט און דער אינדוסטריע אבער נור די איינריכטונגען און אינסטיטוציאנען בלייבען דאס ציעל פֿון דער מענשהייט.

עס איז געוויס בעוואונדערנסווערט צו זעהען ווי דער גייסט האלט אין זיין צוים אלע כחות און געוועלטיגט איבער דער גאנצער נאטור, פֿערגרעסערנדיג אויף אזא אופן אונזער גליק און צופרידענהייט. ווי שטארק אבער דער גייסט געוועלטיגט איבער דער בלינדער מאטעריע טרעט ער דאך אב דעם וועג דער גערעכטיגקייט און ליעבע. די העכסטע פארם פֿון שענקייט איז נישט די, וועלכע מען קען בעצייכנען מיט א נומער אין קאטאלאג פֿון דער אויסשטעלונג. איהר קען נור זעהען דער גייסט, און זי קען ווערען בעשאפֿען ווען אלע גרעסטע גייסטיגע כחות וועלען זיך פעראייניגען צוזאמען ווי ביי די מאשינען אין געפיהרט ווערען אלע פון איין קראפט פון געפיהל פון אחדות און ברידערליכקייט.

איך פֿרעה מיך אייך אנצוזאגען, אז אלע ממשלות בוקען זיך צו דעם אויבערשטען געזעץ פון אחדות נישט קוקענדיג אויף די מלחמות, וועלכע די פעלקער פיהרען צווישען זיך אין מסחר, אינדוסטריע און ווירטשאפט לעגען זיי אוועק ערשטענס די כחות צו זוכען מיטלען ווי צו פערגרינגערען די מענשליכע ליידען, צו איינריכטען וואהלטהעטיגע אנשטאלטען, צו פֿערשפרייטען בילדונג, און צו איינריכטען פערזיכערונג אויף די אלטע יאהרען.

מיינע הערען! דאס ווערק פון אחדות, פון שלום און פארטשריט וועט געוויס נישט זיין אומזיסט. דאס פריעדליכע צוזאמענקומען פון די ממשלות וועט נישט בלייבען אהן נוצען. איך בין איבערצייגט, אז א דאנק די שטענדיגע הבטחות פֿין געוויסע, גרויסע ממשלות, וואס האבען געקלונגען אין אינזערע אויערען צום ענדע פֿון פאריגען יאהרהונדערט, וועט אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט לייכטען אביסיל מעהר ברידערליכקייט אין זיין אביסיל ווייניגער צרות אין דער וועלט; איך האף אז מיר וועלען אפשר באלד גרייכען צו א וויכטיגען פינקט, וואו אין דער ארבייט וועט זיין גליק און אין דעם מענש — מענשליכקייט. מיט דער האפנונג בין איך מודיע אז די אויסשטעלונג פון 1900 יאהר איז געעפענט״.

*

טערקיי. — אסמאן—פאשא. עס איז געשטאָרבען דער בעריהמטער בעשיצער פֿון פלעוונא, אסמאן פאשא אין אלטער פון 63 יאהר. אין דעם רוסיש־טערקישען קריעג איז ער, ווי עס איז בעקאנט, גענומען געוואָרען אין געפֿאנגענשאפֿט. נאָך דעם קריעג איז ער אייניגע מאָל געווען קריעגסמיניסטער.

רוסישע פֿילגער (עולי־רגל) אין ארץ־ישראל. די „פעטערסבורג. וויעדאמ.״ ברענגען א סטאטיסטיק פֿון רוסישע פילגערן (עולי רגל) וועלכע פֿאָהרען קיין ארץ־ישראל, כדי צו בעזוכען די הייליגע ערטער.

אין יאהר 1820 זענען געווען אין ירושלים ביז 200 מאן רוסישע פילגער און אין די 50־ער יאָהרען זענען געקומען יעהרליך ביז 600 מאן. יעצט קומען קיין ירושלים יעהרליך ביז 1200 מאן און אויף פסח אליין קומען צינויף אין ירושלים. בערך 6000 מאן. א טהיל פֿון די פילגער בלייבען אויף שטענדיג אין ירושלים. אין דאָרף עין כרים (הארנעם) געפֿינט זיך א קליינע רוסישע פֿרויען־קאלאניע (איין אַרט פֿרויען־קלויסטער), וועלכע האָט איהרע אייגענע הייזער און גיטער, נאָר זייערע זכיות אויף דער ערד זענען שטארק פֿערררעהט.

דָאס בֵּיינְקֶען.

אָ נֵיין, אִיךְ קֶען אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער
נִיט בֶּעטְלֶען מֶעהְר אַהֵיים מִיט שַׁאנְד.
נָאךְ בִּינְדֶען אַלְטֶע לִיעבֶּעס־בֶּענְדֶער
מִיךְ פֶעסְט צוּ מַיין גֶעלִיעבְּטֶעס לַאנְד.

נָאךְ וֶועְרֶען פוּל דִי מִידֶע אוֹיגֶען
וֶוען אִיךְ דֶערְמָאן מִיךְ אָן אַ מָאל:
וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיסֶע רוּה גֶעזוֹיגֶען,
אוּן נִיט גֶעהֶערְט דֶעם טְרַייבֶּערְ׳ס קוֹל.

וֶוען אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעקֶענְט דֶעם הַאסֶער,
אוּן הָאבּ דֶעם עֶלֶענְד נִיט גֶעפִיהְלְט;
וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּיי דֶעם יַרְדֵן׳ס וַואסֶער
גֶעשְׁטִיפְט, גֶעזוּנְגֶען אוּן גֶעשְׁפִּיעלְט.

וֶוען אִיךְ הָאבּ טְרוֹימֶענְדִיג גֶעפִּיטֶערְט
דִי לִיעבֶּע שֶׁעפֶּעלִיךְ, אוּן פְרוּם,
אוּן שְׁטִיל הָאט גֶעבֶּען מִיר גֶעצִיטֶערְט
יְרוּשָׁלַיִם׳ס שֶׁענְסְטֶע בְּלוּם.

נָאךְ וֶוערְט דִי בְּרוּסְט מִיר פוּל מִיט פְרֵיידֶען
וֶוען אִיךְ גֶעדֵיינְק דִי אַלְטֶע צַייט.
מִיר דַאכְט, אִיךְ הֶער דִי טוֹיטֶע רֵיידֶען
צוּ מִיר פוּן וַוייט, פוּן זֶעהְר וַוייט.

מִיר דַאכְט, אִיךְ הֶער בֶּעקַאנְטֶע שְׁטִימֶען
מִיךְ רוּפֶענְדִיג אַהֵיים צוּרִיק,
און טִיעף אִין הַארְץ הוֹיבְּט אָן צוּ גְלִימֶען
אַ נַייֶע הָאפֶענוּנְג אוֹיף גְלִיק.

מִיר דַאכְט, אִיךְ זֶעה דֶעם כַּרְמֶל וִויעדֶער,
דֶעם שָׁרוֹן גְרִין, אוֹיף לַאנְגֶע יָאהְר!
עֶס שְׁמֶעקְט דִי לוּפְט, עֶס קְלִינְגֶען לִיעדֶער,
און אַלֶעס לֶעבְּט וִוי אוֹיפְ'ן וָואהְר.

מִיר דַאכְט... און כָּל זְמַן מִיר וֶועט דַאכְטֶען,
וֶועל אִיךְ נִיט אוֹיסְשְׁטְרֶעקֶען מַיין הַאנְד
צוּ יֶענֶע וֶועלְכֶע מִיךְ פֶערַאכְטֶען
און בֶּעטֶען זֵיי אַהֵיים מִיט שַׁאנְד.

אָ נֵיין, אִיךְ קֶען אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער
נִיט גֶעהְן און זוּכֶען אַ בֶּעשְׁטַאנְד,
נָאךְ בִּינְדֶען אַלְטֶע לִיעבֶּעס־בֶּענְדֶער
מִיךְ פֶּעסְט צוּ מַיין גֶעלִיעבְּטֶעם לַאנְד.

מאָררים ראָזענפעלד.

די פאַמיליענפאַפּירען.

זכרונות פון דוד המלך'ס פאַמיליע.

פון א. ש. פרידבערג.

(פאָרטזעטצונג)

דאָס ליעד איז אַלעמען געפעלען. פיעל פון ראובן'ס פריינד שרייען ״בראַוואָ!״ אויך די ריכטער קוקען אויף איהם זעהר פריינדליך. שטאָלץ געהט ראובן אַראָב פון דער סצענע און איך שטעל זיך אויף זיין אָרט, מיט אַ ציטערנייש אין האַרצען, דען איצט האָב איך ניט נור איהם צו בעזיעגען, דאָס רוב צוהערער איז איצט זיין צד, זיי האַלטען מיט איהם און עס איז מיר געווען אַ שטאַרקער סָפֵק אויב עס וועט מיר זיך איינגעבען דעם עולם צו געפעלען. איך וואַרף אַ בליק אָן דער זייט וואו רבקה שטעהט און זעה, דאָס זי טהיילט מיינע געפיהלען, זי איז אויך שטאַרק צומישט, זי דאגה'ט פאַר מיר. אָבער גראַדע דאָס גיט מיר מוטה. די ליעבע שטאַרקט מיין האַרץ, איך ערהויב מיינע שטים און זינג אַ נאַציאָנאַל־ליעד פון פאָלקס לעבען אין ירושלים. ווי עס קומען זיך צוזאמען חֲתָנִים און כַּלות אין די וויינגערטנער אם הֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, די מיידליך זענען גלייך געקליידט און אויפגעפוצט, ווי זיי זינגען אין כאָר, און די אַלטע לייט העהרען זייער געזאַנג און קוועלען פון נַחַת, די בַּחוּרִים זינגען און טאַנצען און שפיעלען מיט די שענע יונגפרויען, און אין געזאַנג און טאַנץ און פרייד ווערען געמאַכט די שִׁדוּכִים אין ליעבע, אין פריידען, מיט קלינגענדע מוזיק און גרויס פּאַראַד. ״אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה כָּל אֵלֶּה״ — גליקליך ווער עס זעהט עס מיט זיינע אויגען, ווער עס דערלעבט עס אויף זיך זעלבער!

״אַך ווי גוט! אַך ווי שען! פּראַכטפאָלל! אויסגעצייכענט! — שרייט דאָס גאַנצע פובליקום - דער גאַסט זאָל לעבען! ער־האָט געזיעגט, געוואונען!״

אַראָב געהענדיג פון דער סצענע ווער איך פון אַלע זייטען בעוואָרפען מיט בלומען און אַלס איך געה צו די עלטעסטע, די ריכטער, זיי צו דאַנקען, טרעט רבקה צו מיר און לעגט מיר אויפ'ן קאָפּ דעם לאָרבערקראַנץ. אַלע שרייען: ״בראַוואָ, חתן כלה!״ דאַן געהט צו דער פאָטער צו אונז, לייגט אונזערע הענד צוזאַמען און קושט אונז ביידען מיט גרויס פרייד. מיט געזאַנג און פרייד בעגלייטען אונז אַלע אַהיים. די מוטער בעגעגענט אונז מיט איהר בְּרָכָה, קושט און האַלזט רבקה'ן און וויינט פון שִׂמְחָה. דער טיש ווערט געגרייט, דער גאַנצער עולם טרינקט און עסט און בעלוסטיגט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

פון מיין פרייד ברויך איך ניט צו דערצעהלען, דאָס קען יעדער אַליין פערשטעהען. ראש חודש חשון איז געווען אונזער התונה וועלכע האָט מיך בעגליקט מיט אַ שענע, גוטע און ליעברייכע פרוי וואָס האָט ניט איהר גלייכען אויף דער וועלט.

זעקס יאָהר האָב איך פערלעבט אין פריידען און שטילער רוהע ביי מיין שוויגער פאַטער אין הויז. די צייט איז פערלאָפען, אַ ליעבליכער פריהלינג. מיינע אננענעהמע בעשעפטיגונגען זענען געווען: ארבייט אין פעלד און אין גאָרטען, לייענען אונזערע הייליגע סְפָרִים און געוועטען אין גימנאַסטיק און געזאַנג. מיין גליק גאַנץ צו מאַכען שענקט מיר גאָט צוויי קינדערליך, אַ זוהן, דאָס ביסט דו, מיין טהייערער אֶלְיָשִׁיב, און דערנאָך אַ שענע טאָכטער, דיין יונגערע שוועסטער.

אָבער עס ליעגט אין דער נאַטור פון מענשען פערדריסליך צו ווערען, ווען עס איז איהם צו גוט. ווען מיר וואָלט עטוואַס פעהלען, וואָלט איך געהאַט צו וואָס צו שטרעבען און דאָס אינטערעסירען זיך פאַר די קומענדיגע צייט וואָלט מיך געלאָזט פיהלען מיין גליק אָן דעם וואָס איך האָב. ווער עס האָט אַלעס, איז גלייך ווי דער וואָס האָט גאָר נישט, דען ווער עס האָט נישט צו ווינשען, דעם ווערט דאָס לעבען איבערדריסיג – און אין אַזאַ לאַגע בין איך געווען דאָס לעצטע יאָהר דאָרט.

דאָס רוהיגע לעבען אין מאַלאַבאַר פון איין טאָג צום אַנדערען אָהן אַ שום שִׁנוּי איז מיר צום סוֹף נִמְאָס געוואָרען. איך האָב אָנגעהויבען צו ווערען טרויעריג. גאַנצע שטונדען פלעג איך געהן דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען און מיט קיינעם קיין וואָרט גערעדט. די גוטע בעהאַנדלונג פון מיינע שוועהר און שוויגער, די טרייהייט פון מיין גוטער פרוי, דער אָנבליק פון די שענע ליעבליכע קינדערליך — דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען מיר צו ערמונטערן פון מיין מָרָה־שְׁחוֹרָה. מיין טרייע רבקה האָט עס מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, און מיט איהר גרויסער ליעבשאַפט איז זי צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל איהר ערקלערען די אורזאַכע פון מיין אומעטיגקייט. איך האָב איהר ענדליך אויסגעזאָגט, דאָס עס איז מיר דאָ צו שווער אין דער שטענדיגער רוהע, איך מוז זוכען עפּיס אַ פערענדערונג אין לעבען. איך האָב אַ שטאַרקע בייגקעניש צו מיין היים, עס ציהט מיר דאָס האַרץ צו מיין הייליג טהייערן פאַטערלאַנד.

רבקה איז דערשראָקען געוואָרען הערענדיג מיינע רייד, אָבער באַלד מאַכט זי זיך איין האַרץ, פאַלט מיר אויפ'ן האַלז און זאָגט: ״געה וואוהין דיין האַרץ געלוסט. איך געה מיט דיר האָטש אין עק וועלט״.

מיט מיין שוועהר און שוויגער איז די זאַך געווען אַביסיל שווערער. מיין שוועהר זאָגט: דו האָסט דאָך אויף דער וועלט גענוג געוואַנדערט און דאַרפסט דאָך צופריעדען זיין ווען דו האָסט דאָ געפונען אַ רוהיג לעבען. פּראָביר ניט דאָס גליק אין ווייטע לענדער, דען וואָס ווייטער מען זוכט עס, פערשווינדעט עס אַלץ מעהר און מעהר.

איך בין אָבער געבליבען פעסט ביי מיין ענטשלוס, און רבקה האָט זיי אַזוי לאַנג געבעטען, ביז זיי האָבען געמוזט נאָכגעבען. אונזער אַוועקפאָהרען האָט מען בעשטימט אויף נאָך פֶּסַח, אין דער בעסטער צייט פון יאָהר. קוים איז אַריבער דער הייליגער יום טוב האָבען מיר זיך אָנגעהויבען גרייטען צו דער רייזע. מיר זעגענען זיך מיט די עלטערן און מיט אַלע קְרוֹבִים און גוטע פריינד, וועלכע האָבען אונז געבענשט, מיט אונז שטאַרק געוויינט און זייערע הערצליכע גרוסען געשיקט צו אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל. די צייט איז געווען זעהר גוט פאַר אונזער לאַנגע רייזע. מיר געהען איבער אינדיען און פָּרַס און קומען ענדליך קיין בָּבֶל. דאָרט איז גראַדע געוועזען דער פערזישער מלך מיט זיינע אַלע הויפלייט. דער וועג קיין בבל איז געווען פול מיט חַיִל און בעפּאַקטע וועגען מיט געוועהר און פּראָוויאַנט. פון בבל האָט זיך געגרייט דער פערזישע קעניג דַרְיוּשׁ קאָדאָמאַנוּס צו געהען אויף אַ מִלְחָמָה מיט דעם מעכטיגען קעניג פון גריכענלאַנד, דעם בעוואוסטען אלכסנדר מוקדון, פאַר וועלכען עס ציטערט די גאַנצע וועלט.

מיר קענען מיט אונזערע אויגען זיך ניט זאַט אָנקוקען אויף די פּרעכטיגע גראָסאַרטיגע שטעדט, וואָס ליעגט אויף ביידע זייטען פון דעם

טייך פְּרָת. האָטש עס זענען איהרע פֿעסטונגען און די לאַנגע מויערן אַרום דער שטאָדט אין פֿיעל ערטער צובראָכען און צושטערט, פֿון דער צייט פֿון דעם ערשטען דַרְיָוֶשׁ, בְּעֵת די איינוואָהנער האָבען זיך געגען איהם געבונטעוועט, אָבער אינעווייניג איז נאָך געבליעבען איהר פֿריהערדיגע שענקייט און פּראַכט. עס איז נאָך אַליין גענוג זיך צו פֿערוואונדערן אויף איהרע לופֿט־גאָרטענס, וואָס ווערען גערעכענט צו די גרעסטע וואונדער פֿון דער וועלט. די שטאָדט האָט נאָך איהר וואַסערלייטונג, און דאָס וואַסער פֿון פרת ווערט דורך קינסטליכע מאַשינען געטריבען ביז איהרע העכסטע בִּנְיָנִים און גאָרטענס. מיר שפּאַציערען אַרום דעם קעניגליכען קוואַרטאַל, און בעזעהען די פּרעכטיגע בנינים און בעוואונדערן די גרויסאַרטיגקייט פֿון דער געוועזענער הויפּטשטאָדט פֿון דער וועלט. געהענדיג צוריק צו אונזער אַכְסַנְיָא בעמערקען מיר מיט אַמאָל, דאָס איינער פֿון די קעניגליכע דיענער געהט אונז נאָך פֿון ווייטען טריט ביי טריט. יעדעס מאָל ווען מיר שטעלען זיך אָב, בלייבט ער אויך שטעהען, און ווי נור מיר געהען ווייטער, געהט ער אויך פֿון ווייטען נאָך — און אַזוי דויערט עס ביז מיר קומען צו אונזער האָטעל.

אין מיטען דער נאַכט, אין דעם זיסעסטען שלאָף, הער איך פּלוצים שווערע טריט אויף די טרעפּ וואָס קומען אַלין נעהנטער צו אונזער קוואַטיער. מיט איין מאָל קלאַפּט מען שטאַרק אין אונזער טיהר און מען שרייט: „אים נאָמען פֿון אונזער אַלערהעכסטען קעניג, עס זאָל ווערען געעפֿענט!"

איך שפּרינג אַרויס פֿון בעט, נעהם מיין געוועהר אין דער האַנד, טרעט אין פֿאָרצימער, עפֿען די טיהר — און עס קומט אַריין איין אָפֿעציער מיט צעהן בעוואָפֿנעטע סאָלדאַטען און פֿרעגט: ביסט דו דער פֿרעמדער, וועלכער איז היינט אַהער געקומען מיט פּאַמיליע?

— איך בין עס.

אונזער אַלערהעכסטער, גלענצענדער מלך האָט דיך היינט געזעהען, ווי דו האָסט מיט דיין פֿרוי געשפּאַציערט אַרום זיין פּאַלאַץ, און יעצט בעווייזט ער דיר זיינע גרויסע גנאָד, ער הייסט צונעהמען פֿון דיר דיין פֿרוי און ברינגען אין זיין פּאַלאַץ צווישען די פֿרויען, וועלכע זענען פֿאַר איהם בעשטימט — ווייל זי האָט דאָס גרויסע גליק, איהם צו געפֿעלען.

— איך דאַנק אייער אַלערהעכסטען גלענצענדסטען מלך פֿאַר די גרויסע גנאָד, און בעט איהם אום פֿערצייהונג וואָס איך קען זיינע גנאָד ניט אָננעהמען. מיין פֿרוי געהערט מיר אַליין און איך וויל זי קיינעם ניט אָבטרעטען.

„רייד ניט קיין נאַרישקייטען און פֿאָלג וואָס מען זאָגט דיר: ביי אונז איז דער מִנְהָג, דאָס ווען דער אַלערהעכסטער אַלערגלענצענדסטער מלך ערווייזט איינעם די גנאָד, זיין פֿרוי פֿאַר זיך צו נעהמען, מוז דער מאַן פֿאַר אַזאַ גנאָד זיך בעדאַנקען, ווען ניט — ווערט ער מיט אַ קאָפּ קורצער... פֿערשטעהסט דו מיך?

— אָבער איך בין קיין פּערזישער שקלאַווע, איך בין אַ פֿרייער יוד, וועלכער וויל פֿון אַזעלכע טיראַנישע הַמְצָאוֹת ניט וויסען, און ביז איך וועל מיט אַ קאָפּ קורצער ווערען, קענען נאָך פֿיעל אַנדערע קעפּ אַראָבפֿליהען פֿון זייערע אַקסלען. פֿערשטעהסט דו מיך?

„נו, ווען דו ווילסט ניט געבען דיין פֿרוי מיט גוטען, וועלען מיר זי נעהמען מיט בייזען."

ער ווינקט צו זיינע סאָלדאַטען, זיי וואַרפֿען זיך אַלע אויף מיך, איך וועהר מיך ווי ווייט איך קען, עס העלפֿט אָבער נישט. זיי פּאַקען מיך ענדליך און בינדען מיך ווי אַ שעפּס.

פֿון דעם טומעל האָט זיך רבקה אויפֿגעהאַפּט פֿון איהר טיעפֿען שלאָף, און אַז זי זעהט דורך די טהיר, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, לויפֿט זי צום פֿענסטער און וויל זיך אַראָבוואַרפֿען, אום זיך דעם טויט צו מאַכען. איך אָבער בעשוועהר איהר דאָס ניט צו טהון, איך דערמאָהן איהר אָן אונזערע קינדער, פֿערזיכער איהר האָסטיג, דאָס אין דריי טעג מאַך איך זי פֿריי, דאָ האַפּט זי מיין שווערט און וועהרט זיך געגען די סאָלדאַטען ווי אַ טיגערין, איהר געזיכט ברענט, איהרע אויגען שפּריטצען פֿייער, איך האָב זי נאָך קיין מאָל אַזוי שען ניט געזעהען, אָבער איהר גְבוּרָה האָט איהר אַזוי ווייניג געהאָלפֿען ווי מיר מיין גבורה. זי ווערט ענדליך געבונדען און אַוועקגעפֿיהרט. ביים אַוועקנעהמען זאָגט דער אָפֿעציער צו מיר:

„ווען דו וואָלסט זיין אַ געבאָרענער פּערזער, וואָלט עס דיר געווים דיין לעבען געקאָסט. אָבער ווייל דו ביזט אַ פֿרעמדער און קענסט ניט אונזערע געזעטצען, שענק איך דיר דיין לעבען. בעזאָנדערס ווייל מיר געפֿעלט דיין מוטה, דו האָסט זיך גוט געוועהרט".

ווי אַ שלאַנג האָב איך זיך געקרימט און געדרעהט זיך אַרויסצווויקלען פֿון די שטריק, מיט וועלכע מען האָט מיך געבונדען. דו און דיין קליינע שוועסטער האָבען זיך אויך אויפֿגעהאַפּט און געשריען נאָך דער מוטער. מיין האַרץ פּלאַצט מיר פֿון קלעמעניש וואָס איך קען אַפּילו ניט צו געהען צו אייך און אייך בערוהיגען. איך האָב ביטער געוויינט און אויס אַלע קרעפֿטען געשריען. דאָ קומט דער בַּעַל הַבַּיִת פֿון האָטעל און זעהענדיג מיין אומגליק וואָס מיר האָט געטראָפֿען, זאָגט ער: „אַזעלכע געשיכטען טרעפֿען ביי אונזערע פּערזער גאַנץ אָפֿט, און ענדיגען דאָס רוב מיט דעם מאַנס טויט. דו דאַרפֿסט דיך גליקליך שעטצען, וואָס דו ביסט וועניגסטענס אַם לעבען געבליבען".

(פֿאָרטזעצונג קומט)

קַאלִיקֶעס.

פֿון מ. ספעקטאר.

(פֿאָרטזעצונג)

מאַשאַ האָט אָפֿען מוֹדִיעַ געוועזען איהרע עלטערען אַז זי איז פֿערליעבט ביז צום שטאַרבען.

— אין וועמען? האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.

— אין זשאָרזשען.

— ווער איז דער זשאַרזש?

— זשאַרזש וואָס האָט פֿאָריגעס יאָהר גענומען אַ פּריז אויף דער „גאָנקא", האָטש נאָך דעם פּרייז האָבען זיך געיאָגט די גרעסטע וועלאָסיפּעדיסטען.

— אָבער וואָס איז ער? ווער איז ער? צי קען ער אַ פֿרוי געבען ברויט — אַ הויז פֿיהרען?

— איך וויל גאָר ניט וויסען ווער ער איז, האָט מאַשאַ געענטפֿערט, איך האָב איהם ליעב און דאָס איז גענוג פֿאַר מיר.

זייער מוטער סאָפֿיאַ מאַרקאָווּנאַ האָט זיך אויף די עלטערע יאָהרען פֿערליעבט אין דעם בעריהמטען היפּנאָטיזאָר ה' שיידמאַן, דאָס הייסט זי פֿלעגט איהם נאָכלויפֿען ווי אַ הייסער חָסִיד אַ גוטען יודען. זי האָט געגלויבט אין היפּנאָטיזם, אַז שיידמאַן קען מאַכען פֿון טויט —לעבעדיג, פֿון אַלט — יונג, פֿון קראַנק — געזונד. וואָס שיידמאַן וויל קען ער טהון מיט יעדען מענשען און וויסען וואָס ביי יעדען קאָכט זיך אין קאָפּ. סאָפֿיאַ מאַרקאָווּנאַ פֿלעגט מיט נאָך פֿיעל פֿרויען און פֿרייליין נאָכגעהן שיידמאַנען ווי אַ קוה אַ קאַלב, ניט אויסגעפֿעהלט קיין הויז ווי ער פֿלעגט מאַכען „סעאַנסען" און שטענדיג איהם געבעטען ער זאָל זי היפּנאָטיזירען.

אויסער דעם האָט סאָפֿיאַ מאַרקאָווּנאַ בעקומען נאָך אַ שוואַכקייט — זי האָט שרעקליך מוֹרָא געקראָגען פֿאַר „מיקראָבען", ווייל אין דער צייט איז אין אַזיע געוועזען די האָליערע און זי האָט פֿון די צייטונגען זיך דערוואוסט, אַז קיין זאַך לאָזט מען ניט אַריין אין רוסלאַנד מען זאָל עס ניט „דעזינפֿיציערען", אַפֿילו פּאָסט בריעף „דעזינפֿיציערט" מען אויך, נאָר זי האָט זיך מיט די „מיקראָבען" ניט פֿערלאָזט אויף קיינעם, זי האָט געהאַט שטענדיג מיט זיך אַ פֿלעשעלע „קאַרבאָל־וואַסער" און יעדער וואָס האָט נור איבערגעטרעטען די שוועל ביי איהר אין הויז, האָט זי איהם מיט אַ בלאָז־מאַשינקע אַרומגעבלאָזען מיט „קאַרבאָל". די אָנגעקומענע בריעף און צייטונגען פֿלעגט זי כִּמְעַט וואַשען אין קאַרבאָל וואַסער. די „מיקראָבען" פֿלעגט זי זעהן אין חלום אין פֿערשיעדענע געשטאַלטען, מיט קעפּ, מיט פֿיס, מיט שרעקליכע אויגען און לאַנגע רויטע צונגען. אַפֿילו דאַן ווען אין אַזיע האָט שוין אויפֿגעהערט די האָליערע און אין רוסלאַנד פֿלעגט מען שוין אַריינלאָזען אָהן „דעזינפֿעקציע", האָט

זי זיך מיט איהר פֿלעשעלע קאַרבאָל נאָך אַלין ניט צושיידט און נאָך לאַנג אַרימנעבלאָזען יעדען מיט דער מאַשינקע.

צוזעהנדיג דאָס אַלעס פֿלעגט זיך לעוו אסיפאוויטש ניט איין מאָל אָנחאַפּען ביים קאָפּ.

— גוואַלד, וואָס געהערען זיך אָן מיט מיר אַט די אַלע דריי פּערזאָנען, זענען זיי דען מיין גלייכען, זענען זיי האָטש אַ צעהנטעל עהנליך אויף מיר אָדער זענען זיי דען אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זיי זאָלען זיין? ווילד פֿרעמדע מענשען! נאָר זיי טראָגען מיין נאָמען, סאָפֿיאַ מארקאוונא איז מיין פֿרוי און גרישאַ, מאַשאַ מיינע קינדער.

און לעוו אסיפאוויטש האָט טרויריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער אָנגעהויבען טראַכטען און זוכען אַ ניי געשעפֿט, ער זאָל האָבען מיט וואָס צושלאָגען די צייט. אַ דאַנק איין ערפֿינדער, וועלכע געפֿינען זיך גענוג און פּעטערסבורג, האָט ער זיך גענומען צו אַ ניי געשעפֿט: פֿון אויסגעקלאַפּטע קאָרען־זאַנגען, דאָס הייסט פּראָסט פֿון קאָרענע שטרוי וואָס קאָסט זעהר ביליג, טרייבען בראַנפֿען.

אין דעם געשעפֿט האָט געשטעקט אַ גרויס גליק. קאָרען פֿון וועלכע מען טרייבט שטענדיג בראַנפֿען קאָסט אין אַ גוט יאָהר אַכציג קאָפּיקעס אַ פּוד, אין אַ שלעכט יאָהר מעהר ווי אַ רובל און קאָרענע שטרוי קאָסט שטענדיג צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס אַ פּוד.

לעוו אסיפאוויטש האָט ווידער פֿערגעסען אין אַלעס און מיט פֿייער זיך איבערגעגעבען דעם נייעם געשעפֿט. פֿריהער פֿאַר אַלעמען האָט ער אין „האַנדעל־דעפּערטאמענט" מוֹדיע געוועזען וועגען דער נייער ערפֿינדונג און געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ פּאַפּיער אויף עטליכע יאָהר אַז קיינער טאָר איהם ניט נאָכמאַכען. דערנאָך האָט ער געבויעט אַ קליין זאַוואָדיל, דערווייל אויף אַ פּראָבע. אַלע בראַנפֿען זאַוואָדטשיקעס האָבען זיך אויף איהם אָנגעצונדען, וואָרום הַס־וְשָלוֹם אַז ווען פֿון זיין שטרוי וועט אָנהויבען געהן בראַנפֿען דאַרפֿען זיי פֿערמאַכען זייערע זאַוואָדען און געהן מיט די טאָרבעס אין די הייזער, נאָר לעוו אסיפאוויטש האָט שוין געהאַט אַזאַ נאַטור, אַז ווי באַלד ער האָט געוואָלט עפּיס אויספֿיהרען, האָט ער ניט געקוקט אויף קיין זאַך, ניט אויף פֿרעמדע אינטערעסען און אֲפִילוּ ניט אויף זיינע אייגענע. זיינע געגנער וואָס פֿלעגען טהון אַלע מיטלען צו שטערען זיין ניי געשעפֿט האָבען איהם ניט נור אָבגעהאַלטען, נאָר פֿערקעהרט: נאָך צוגעגעבען מעהר ענערגיע און שטאַרקייט, און לעוו אסיפאוויטש, אויף צוזעצעניש זיינע שׂוֹנְאִים, האָט נאָך מיט מעהר פֿלייס געאַרבעט.

פֿון דער נייער ערפֿינדונג, אַז פֿון שטרוי זאָל געהן בראַנפֿען, האָט ער נאָך פֿיעל מיה, געלד און צייט, גראַדע, ניט אויסגעפֿיהרט, עס איז עפּיס יאָ געגאַנגען אַ מין זויערעס וואַסער אָבער ניט קיין בראַנפֿען, געענדיגט האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, ער האָט ווידער דערלעגט עטליכע טויזענד רובל און זיך געקויפֿט נייע שׂוֹנאים צווישען די בראַנפֿען זאַוואָדטשיקעס. נאָר זיין גרויסע פֿאַבריק האָט אויף אַלעס געטראָגען און עס האָט ביי איהם פֿיעל ניט אויסגעמאַכט: „עס איז נאָך גענוג געבליבען פֿאַר די דריי שטעקענס", פֿלעגט ער זאָגען.

אין דער לעצטער צייט האָט ער אָוועקגעוואָרפֿען די נייע ערפֿינדונגען און די ענגלענדער מיט אַלע אַנדערע ערפֿינדער, וועלכע פֿלעגען ניט אויפֿהערען קריכען צו איהם, ער האָט זיי פּראָסט געטריבען מיט שטעקענס און אַראָבוואַרפֿען פֿון די טרעפּ, ווייל די ערפֿינדער זענען דאָס מעהר ניט קיין שעמעדיגע און פֿלעגען זיך ניט בעגניגען נור מיט ענטזאַגען.

אַז עס זאָל איהם ניט זיין אומעטיג האָט ער ביי זיך איינגעפֿיהרט „שַבָּת צונאַכטסען", דאָס הייסט אָבענדען ווען עס פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען געסט. עס פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען מענשען פֿון פֿערשיעדענע קלאַסען, דאָס מעהר פֿון דער פּראָווינץ — פֿון זיין געגענד, וואו ער איז געבוירען, מענשען, וועלכע האָבען שטענדיג געוואוינט אין פּעטערסבורג אָדער אַזוינע וואָס זענען געקומען צופֿאָהרען אין די גרויסע שטאָדט וועגען מִסְחָר אָדער לערנען.

אויף די „שבת צונאַכטסען" האָט מען געקענט געפֿינען אַ פּאָר יודישע סטודענטען, אַ דריי קורסיסטקעס פֿון דער פּראָווינץ, אַ קליין שטעדטיל־גידען גְבִיר וואָס איז געקומען קיין פּעטערסבורג אָננעמען פֿערשיעדענע פּאָדריאַדען, אַ קָהָל׳שען האַדאַטאַי וואָס איז געקומען הלאַפּעטשען אַרויסנעמען געלד פֿון דער קאָראָבקע, אַ יוד וואָס האָט אַ פּראָצעס אין „סענאַט" און דאַרף האָבען אַ גרויסען אַדוואָקאַט, אַ יונגערמאַן וואָס האָט אַ טאַלענט צום זינגען, שפּיעלען אָדער מאָלען, אַ רַב וואָס איז געקומען אָבנעמען זיין זוהן פֿון דער שְמַד, אַ יוד וואָס לאָדט זיך זיינע אַלע יאָהרען מיט דער „קרוין" און דאַרף געווינען אין סוף אַ פּראָצעס פֿון צוויי מיליאָן רובל, און נאָך פֿיעל מענשען פֿון דער פּראָווינץ, וואָס מען קען בעגעגנען אין אַ הויפּטשטאָדט, האָבען זיך געפֿונען אויף די „שבת צונאַכטסען".

לעוו אסיפאוויטש איז מיט יעדען פֿריינדליך געוועזען און האָט זעהר גוט און פֿרעהליך זיך געפֿיהלט אין אַזאַ געזעלשאַפֿט, דאָ האָט ער זיך געפֿונען ווי ביי זיך צו הויז, דאָס הייסט ווי אַמאָל אין לאַווראָווע, די געסט האָבען זיך דאָ אויך שטענדיג גוט געפֿיהלט, די שענע און בעלייכטעטע צימער מיט דעם גרויסען וואַנזאַל־סאַמאָוואַר וואָס האָט געזאָטען דעם גאַנצען אָבענד, איז געוועזען יעדען אָנגענעהם, און יעדער האָט זיך דאָ אין דער פֿרעמד געפֿונען ווי ביי זיך אין דער היים, צווישען אייגענע און מען האָט היימיש גוט פֿערבראַכט. נאָר סאָפֿיאַ מארקאוונא מיט איהרע קינדער האָבען אין זייער הויז אויף די היימישע „שבת צונאַכטסען" זיך אַרומגעדרעהט ווי פֿרעמדע, גרישאַ האָט זיך זעלטען געפֿונען צו הויז, און די מאַמע מיט דער־טאָכטער האָבען נעביך געמוזט ליידען פֿון דעם מאַן און פֿון דעם טאַטען וואָס האָט ליעב געהאַט אַזוינע אָבענדס פֿון אַזאַ געזעלשאַפֿט איינצופֿיהרען ביי זיך צו הויז.

די שבת צונאַכטסען זענען נור געוועזען ווינטערצייט, דעם גאַנצען זומער האָט לעוו אסיפאוויטש געוואוינט אויף זיין „דאַטשע" וועלכע האָט זיך געפֿונען עטליכע ווירסט אויסער דער שטאָדט, ניט ווייט פֿון זיין פֿאַבריק.

(פֿאָרטזעטצונג קומט)

עטליכע ווערטער איבער די זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

פֿון א. שולמאַן.

צווייטער אַרטיקעל.

די גאַנצע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור קען מען אייגענטליך איינטהיילען אין דריי טהיילען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אין דריי עפּאָכען. צו דער ערשטער עפּאָכע געהערט אַלין וואָס עס איז געשריבען געוואָרען פֿון סוף 15 טען יאָהרהונדערט (אויך אפֿשר פֿיעל פֿריהער), ביז צום סוף פֿון 18 טען יאַהרהונדערט. דאָס איז די צייט פֿונ׳ם רעכטען אויפֿבליהען פֿון דער ליטעראַטור, מיטען סוף אָבער פֿון דעם 18 טען יאַהרהונדערט, הויבט זיך אָן די צייט פֿון איהר אינטערגאַנג, עס פֿערוועלקען און פֿאַלען אויף דער ערד בלאַט פֿאַר בלאַט, און באַלד בלייבט פֿונ׳ם גאַנצען בליהענדיג און צווייגהאַפֿטיגען בוים כִּמְעַט גאָר ניט מעהר איבריג. דען די נייע בעוועגונג אונטער אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד, וואָס האָבען זיך מיט אַ מאָל אַ וואָרף געטהון מיט׳ן גאַנצען כּח אויף בילדונג, האָט פּלוצים אָבגעשניטען דעם וועג פֿאַר׳ן זשאַרגאָן. ער האָט אויפֿגעהערט צו זיין אַ שפּראַך, און זיין ליטעראַטור איז באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען, אויסגעקעהרט ווי דורך אַ שטורמווינד. נאָר ביי אונז אַליין און נאָך אין אַנדערע ערטער וואו די דייטשע שפּראַך איז ניט איינגעדרונגען, האָט ער זיך געקאָנט דערהאַלטען, אָבער נור אַלס שפּראַך אַליין, ניט אָבער אויך אַלס ליטעראַטור. דען פֿון יענער צייט אָן זעהט מען שוין ניט מעהר ווי רומעל־ספֿרים, תנ״ך מיט „עברי טייטש", סִדוּרִים מיט אַ איבערזעץ, תְּחִינוֹת און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאַכען, וואָס מיט זיי האָבען רייכליך פֿערזאָרגט דעם עולם די ווילנער, סלאַוויטער און נאָך אַנדערע אַזעלכע דרוקען. נאָר אַ מאָל האָפּט זיך אַרויס אַ קליינער ליכטשטראַהל, עס ערשיינען אויך אַנדערע ספֿרים, ווי קאָלומבוס אָדער די ענטדעקונג פֿון „אַמעריקא", די ערצעהלונגען פֿון דיק און נאָך איינינע אַ זעלכע קליינינקייטען. און אַזוי האָט עס געדויערט ביז אין די זעכציגער יאָהרען אַריין, דען ערשט פֿון יענער צייט אָן הויבט אָן צו ווערען אַ נייער ווינד, און די זשאַרגאָן־ליטעראַטור טרעט איין אין איהר נייע, דריטע עפּאָכע.

קיין זאַך אין דער וועלט קומט דאָך אָבער ניט אָהן אַ סִבָּה, אויך די פּלוצימע פֿערענדערונג פֿון דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז ניט

פון זיך אַליין געוואָרען, זי האָט אויך געהאַט אַ פאָרגעשיכטע, און דאָס איז די געשיכטע פון אויפקומען פון דעם קוֹל מְבַשֵׂר. דען נור איהם אַליין האָבען מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר האָבען אַ צונד אַ׳אַ ליטעראַטור, רייך אין פּראָזאַ און רייך אין פּאָעזיע׳ וואָס קען זיך פערגלייכען מיט אַלע געבילדעטע ליטעראַטורען, ער פערדינט דעריבער, אַז מען זאָל רעדען פון איהם אַביסיל אויספיהרליכער, הוץ דעם וואָס דורך זיין געשיכטע וועט זיך אויך פערברייטען אַ ליכט איבער די ענטשטעהונג און דאָס אויפקומען פון יודישע צייטונגען אין רוסלאַנד *).

דאָס איז געוועזען אין יאָהר 1857, אַז דער זעליגער אַלעקסאַנדער צעדערבוים איז געווען אין וואַרשוי ביי אַ דורכרייזע פון אויסלאַנד, האָט מען איהם אָנגעטראָגען, ער זאָל זיך דאָרט בעזעצען און אַרויסגעבען אַ צייטונג פאַר יודישע אינטערעסען. ער האָט זיך אָבער דערפון אָבגעזאָגט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פערלאָזען אָדעס, וואו ער האָט דאַמאַלס געלעבט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. אָבער קומענדיג אַהיים, האָט ער די זאַך דערצעהלט דעם שפּעטערדיגען רעדאַקטאָר פון׳ס „ראַזסוויעט" י׳ ראַבינאָוויץ, און האָט איהם געראַטהען, ער זאָל אָנגעבען אַ ביטשריפט, מען זאָל איהם ערלויבען אַרויסצוגעבען אַ בלאַט פאַר יודישע אַנגעלעגענהייטען אין רוסישער שפּראַך. אָבער אַנשטאַט פון אַ רוסישען בלאַט, האָט מען איהם ערלויבט נור אַ העברעאישעס און אַ זשאַרגאָנישעס בלאַט. ווייל אָבער ראַבינאָוויץ און אויך זיין שפּעטערער שותף פון׳ס „ראַזסוויעט" טאַרנאָפּאָל, האָבען ניט געקאָנט נעהמען אויף זיך אַזאַ אַרבייט, האָט מען זי, איבערגעגעבען צעדערבוימען אַליין. נאָר ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוגעבען אַ בלאַט אויף זשאַרגאָן, און האָט דעריבער דערלאַנגט אַ נייע ביטשריפט, מע זאָל איהם ערלויבען אַרויסצוגעבען אַ ריין דייטשעס בלאַט מיט העברעאישע אותיות אַנשטאַט פון אַ זשאַרגאָנישען, און באַלד איז אויך ערשיענען דער „המליץ" האַלב העברעאיש און האַלב דייטש. אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. דען דער עולם האָט זיך זעהר וועניג געקימערט מיט׳ן דייטשען טהייל און מען האָט איהם כּמעט גאָר ניט געלייענט, און דאָס בלאַט איז באַלד דורך דעם געקומען אין אַ שלעכטע לאַגע, דען עס איז אַוועק פון איהם אַ גרויסער טהייל אַבאָנענטען, און זיינע מיטעל זענען אַליין וועניגער געוואָרען, ערשט דענסטמאָל איז איינגעפאַלען דעם הערויסגעבער, ער וועט פּרובען אַרויסגעבען אַ זשאַרגאָנישעס בלאַט, אפשר וועט דאָס העלפען, און אוועקלייגענדיג די חֶרְפָּה אָן אַ זייט, האָט ער זיך גענומען שרייבען זשאַרגאָן, און פון ערשטען אָקטאָבער אָן 1862 האָט אָנגעהויבען אַרויסגעהן דער „המליץ" מיט אַ זשאַרגאָנישער הוֹסָפָה אונטער׳ן נאָמען פון „קוֹל מְבַשֵׂר", און ווי מיט אַ מאָל האָט זיך אַלעס געענדערט. די צאָהל פון די אַבאָנענטען האָט זיך פון טאָג צו טאָג פערמעהרט, און מיט זיי צוזאַמען אויך די צאָהל פון די שרייבער, עס האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסווייזען אַזעלכע טאַלענטען, וואָס קיינער האָט עס פריהער גאָר ניט געקאָנט גלויבען, (מיר דערמאָנען נור „דאָס קליין מענשעלע" פון אַבראַמאָוויץ), און דאָס בלאַט איז געוואָרען אַ אמת ליבלינג פון פאָלק. אָבער ביי אַלעם דעם האָט זיך דער הערויסגעבער געפיהלט זעהר בעאונרוהיגט; ער האָט אַלס מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט מַסֶר׳ן אַז ער גיט אַרויס אַ בלאַט אָהן אַ ערלויבעניש, און זיין מורא איז אויך ניט געוועזען אומזיסט. מען האָט זיך שפּעטער דערפון דערוואוסט אין פּעטערסבורג און מען האָט דעם „קול מבשׂר" פלוצים פערבאָטען. וואָלט מען אויך דענסטמאָל דעם פערבאָט באַלד אַרויסגעשיקט, וואָלט שוין פון׳ם בלאַט געוויס קיין זֵכֶר ניט געבליבען, צום גליק אָבער האָט זיך די זאַך פערצויגען, און דערווייל האָט מען געגעבען צעדערבוימען צו וויסען דערפון, און ער איז גלייך אוועק אין פּעטערבורג און דאָרטען האָט ער אויך געפּועלט, אַז מען זאָל דעם גְזַר דִין צורייסען און איהם ערלויבען, אַרויסצוגעבען דעם „קול מְבַשֵׂר" אַליין פאַר זיך אָהן דעם „הַמֵלִיץ".

אָבער יענער צופאַל האָט באַלד געבראַכט אַ גרויסע פערענדערונג אין׳ם בלאַט, דען באַלד נאָכדעם איז צעדערבוים איבערגעצויגען אין פּעטערבורג, און אויף זיין ביטע מען זאָל איהם ערלויבען איבערצופיהרען אַהין זיינע ביידע בלעטער, דעם מֵלִיץ און דעם קוֹל מְבַשֵׂר, האָט מען איהם ערלויבט נור דעם ערשטען, דעם צווייטען אָבער האָט מען אָבגעזאָגט, ווייל ער פּאַסט ניט פאַר אַ רעזידענץ שטאָדט **). נון איז איהם ניט אַנדעריש איבערגעבליבען צו טהון, אַלס איבערצוגעבען דאָס בלאַט אין אַנדערע הענד, און באַלד נאָכדעם האָט עס אָנגעהויבען אַרויסגעהן אונטער אַ נייער רעדאַקציאָן, אָבער זייטדעם האָט זיך דאָס גליק אָנגעהויבען אָבצווענדען פון איהם. עס האָט אָנגעהויבען אַלס וועניגער צו ווערען די צאָהל פון די אַבאָנענטען, און אויך זיינע בעסטע שרייבער זענען אַוועק פון איהם, כּמְעַט אַלע. אַזוי האָט עס געדויערט עטליכע יאָהר, דאָס בלאַט האָט אַלס מעהר און מעהר געקרענקעלט, ביז עס האָבען זיך איהם אויסגעלאָזען די כּחוֹת און ער האָט זיינע מידע אויגען צוגעמאַכט אויף אייביג. אויב עס איז דערביי ווירקליך שולדיג געוועזען די צו שטאַרקע אָרטהאָדאָקסישע ריכטונג פון׳ם בלאַט, ווי אַטהייל מיינען, אָדער גאָר אַנדערע סבּוֹת, איז שווער צו זאָגען, אָבער צעדערבוים האָט זיך איבער דעם פערלוסט ניט געקאָנט טרייסטען, עס איז איהם געוועזען אַזוי ווי מען וואָלט פון איהם אָבגעריסען אַ שטיק לעבען; און האָט זיך ערשט דענסטמאָל בערוהיגט אַז עס איז איהם שפּעטער געלונגען צו בעקומען אַ נייע ערלויבעניש אַרויסצוגעבען אַ ניי זשאַרגאָניש בלאַט אונטער דעם נאָמען „יודישעס פאָלקסבלאַט".

נון האָט ווידער דער „קוֹל מְבַשֵׂר" נאָך אַ מאָל אויפגעלעבט, דען דאָס פאָלקסבלאַט איז דאָך נור געוועזען אַ פאָרטזעצונג פון איהם, און ווי אַמאָל האָבען זיך אויך ווידער אַרום איהם געזאַמעלט די בעסטע טאַלענטפאָלע שרייבער און אַלס איז געגאַנגען, ווי עס קען ניט בעסער זיין. אָבער עס שיינט, אַז אַ שלעכטער מַזָל האָט פערפאָלגט דעם אַרויסגעבער. דען נאָך עטליכע גליקליכע יאָהר האָט זיך שלימזל ווידער אָנגעהויבען אַריינצומישען, און דאָס בלאַט איז ווידער געקומען אין זעהר אַ שלעכטע לאַגע. אין יאָהר 1886 איז פלוצים איינגעטרעטען אַ גרויסע פערענדערונג אין אונזער העברעאישער ליטעראַטור, דען דער בעריהמטער פּראָפעסאָר און בעקאַנטער שריפטשטעלער דאָקטאָר קאַנטאָר, האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען זיין טעגליכעס בלאַט „הַיוֹם". און אום צו קענען קאָנקורירען מיט איהם, האָט אויך דער מֵלִיץ געמוזט אָנהויבען אַרויסצוגעהן אַלע טאָג, דאָס האָט אָבער זעהר פיעל געלד געקאָסט און פערשלונגען אויך די הַכְנָסוֹת פון׳ם פאָלקסבלאַט, און באַלד איז שוין ניט מעהר געוועזען, מיט וואָס דאָס בלאַט אַרויסצוגעבען. עס האָט אויך געמוזט איבערגעהן אין פרעמדע הענד ווי פריהער דער „קול מְבַשֵׂר, און אויך אַזוי ווי מיט איהם איז געשעהען, איז עס אויך צוגעגאַנגען מיט דעם פאָלקסבלאַט, דען אין עטליכע יאָהר אַרום האָט עס אויך זיין גייסט אויפגעגעבען און האָט אויפגעהערט צו לעבען.

אָבער די יְרוּשָׁה וואָס די ביידע בלעטער האָבען אונז געלאָזען, איז דאָך גאָר אַ טייערע יְרוּשָׁה, און דער וואָס האָט זיי געשאַפען, געבאָרען און דערצויגען און פאַר זיי אַזוי פיעל געליטען, פערדינט דאָך אַז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערען מיט דאַנק. ער האָט דעם וועג געוויזען און נאָך איהם זענען שוין פיעל אַנדערע נאָכגעגאַנגען, וואָס עטליכע פון זיי פערדינען אויך דורך זייער אַרבייט און דורך זייער מיה דערמאָנט צו ווערען מיט דאַנק. איך וועל אויך איבער זיי רעדען אין אַ אַנדער אַרטיקעל.

---

*) די ידיעות דעריבער האב איך מעהרסטענס פון דעם הערויסגעבער אליין, אזוי ווי ער האט מיר בריפליך מיטגעטיילט.

*) ווי מיר האט דערצעהלט דער זעליגער צעדערבוים, איז דערביי שולדיג געוועזען אַ געטויפטער יוד, וואס האט דאמאלס געשפּיעלט א גרויסע ראָלע דורך זיינע מסירות, און וואָס איז געוועזען זיינער אַ גרויסער שונא.

פיר די הונגעריגע אין בעסאראביען:

ה׳ יוסף גאָלדבערג, דעמיעווקא 4 רו״כ, מרת ליבה גרוזין, גערויצי 25 קאָפּ.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau

!!נייעס!!

ГИГИЕНИЧЕСКАЯ ВЫСТАВКА ВАРШАВѢ
1896
WYSTAWA HYGIENICZNA WARSZAWIE

אפּאראַט פיר ליידענדע אויף מערידען אונד פוקלעס, וועלכער היילט גרינדליך אָהנע אפּעראַציע. פּרייז מיט איבערזענדונג 2 רוב' 50 קאָפּ'.

D. Moszkowski, Warschau,
Muranow 16.

ПРОЧТИТЕ

Требуются агенты во всѣхъ мѣстностяхъ Россіи для вновь открытой фабрики. Предметъ этотъ для распространенія весьма полезный и необходимъ каждому, а потому куда-бы агентъ не явился, то вездѣ окажетъ благодарные успѣхи. Каталогъ до 60 стр. различными новостями изъ-за границы съ весьма выгодными условіями для агентовъ высылается только по полученіи 2-хъ 7-ми-копѣечныхъ марокъ съ подробнымъ адресомъ. **Адресовать: Въ контору фабрики Н. С. Зимана, гор. Бѣлостокъ.**

מעדכען־שולע

צוויי קלאַסען נעבסט

פארבערייטונגס־קלאַסען

ר. פערל, ווארשא,
טוואַרדא נ' 22.

גאלוואַנישע אַנשטאַלט

יהושע טייטעלבוים ווארשא, דזיקא 18.

נימט אָן צו פערגילטען, פערזילבערן, פערניקלען, אקסידירען אונד בראָנזירען פערשידענע מעטאל־ארבייט. אויך ווערדען אנגענאָממען אַלטע זילבערנע אונד פערזילבערטע כלים אויפצופרישען וויא נייא, צו מעסיגען פרייזען, גאראנטירט פידרויערהאַפטיגקייט. בריעף־אַדרעסע:

Sz. Teitelbaum, Warszawa, Dzika 18.

זעהר וויכטיג!

פיר ליידענדע אויף העמאָרידען און פוקלעס

אפּאראַט

וועלכער היילט גרינדליך אָהנע אָפּעראַציאָן.
פרייז מיט פּארטא 2 רוב' 50 קאָפּ'.
Zakład optyczny, Herman Feldblum, Warszawa,
Bielańska Nr. 7.
ערקלערונג צום אפּאראַט ווערט בייגעלעגט.

„Sala Paryzka" Warszawa, Muranowska Nr. 34

egz. od 1895 r.

איך האבע די עהרע צו בענאַכריכטען דאס געעהרטע פּובליקום דאס איך האב יעצט אויפגעפרישט מיין „סאַלאָן", און אייגעפיהרט עלעקטרישע בעלייכטונג, נייע סערוויזען, געשיר מיט טישוועשע א. ז. וו. דער סאלאן בעשטעהט פון 10 צימערען אויסער קיכען מיט 2 חארען. מען קאן ביי מיר בעשטעללען אלעס נעטהיגע אויף האכציטען, בעלער, קאנצערטען צו זעהר ביליגע פרייזען.

האכאכטונגספאל

דער פערוואלטער פון „סאלא פאריזקא" ווארשא
Nr. 34 מוראנאווסקא

עס איז ארויס פון דרוק דער ערשטער און צווייטער העפט פון בעריהמטען ווערק וועלכעס פערנעהמט דעם גרעסטען פלאץ אין דער וועלטליטעראטור

געשיכטע דער ציוויליזאַציאָן אין ענגלאַנד פון באָקל.

פאָפולאריזירט נאך נאַטאַנאָוויטש — פרייז 20 קאפּ', מיט פארטא 25 ק'.
A. Bresler, Warschau, Pawia 64. אדרעסע
צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און ביי חברת „אחיאסף".
Buchhandlung M. Boruchowicz, Bialystok : הויפטפערקויף ביי
אונטער בעליעבטער אדרעס איז צו בעקומען „יוסף פערל" ביאָגראַפיע פון בעוואוסטען גאליציאַנער קולטורקעמפפער. פרייז 10 קאָפּ', מיט פאָרטא 15 ק'.

PRACOWNIA

wyrobów **Kamieniarsko-rzeźbiarskich**
pod firmą ***WOLF AUERBACH.***
dawniej ***J. AUERBACH. i B. SZAJDER***
Warszawa, ul. Gesi Nr 65, dom własny.

פאַבריק פון בויארבייטען אונד גראבמאנומענטען (מצבות)
אין אללען שטיין זאָרטען, בעסטער קוואליטעט צו דען ביליגסטען פרייזען.
וואלף אויערבאך ווארשא, גענשע שטר. 65
בעקוועמע און פאָרטיילהאַפטע בעדינגונגען אנפראגען באלד בעאנטוואָרט.

Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS"

H. Lachs, Warszawa, Solna 9



poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337

Puder „Iris", zupełnie nieszkodliwy.

Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris" Nr. 337.

Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.
Żądać z podpisem: ***H. Lachs.***

ברוך־בענדער!



האַלטען איין רען שווערסטען ברוך אונד דרייקען נישט דעם קערפּער. נאַנראָדע פאָן דאָקטאָרסקע אויסשטעלונג.

D. MOSZKOWSKI,
Warszawa, Muranów 16.

Ch. Ritzenberg.



די בעוואוסטע פאַבריק פון גילזען כאַש, ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאָפּ־ג׳ נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דו אפּטיגקייט ווירד גאראנטירט.

Warszawa, Dzika 44.



שענע פרעזענטען צו בר־מצוה און דרשה געשאַנק!

תפלין זעקלעך פון 5 ביז 75 קאפּ' טלית זעקלעך פון 1,25 ר' ביז 1,75 ר' טישטיכלעך צו דעקען חלה אויף שבת, יו"ט און פסח מיט 14 ריסונקען פון 1,25 ר' ביז 2 ר' א שטוק. אלעס פון סאמעט פערשידענע פארבען זעהר פרעכטיגע ריסונקען און שריפט. סוחרים בעקומען ראבאט! פאר דעם נאָמען און פאַמיליע אויפדרוקען 30 קאפּ'. אדרעס:

L. Mowszowitz, Warszawa,
Dzika 38.

עברית בעברית

בביה"ס של הד"ר יוסף לוריא

העומד תחת השגחת

א. ליבושיצקי.

נעשו תקונים ממשיים לראשית הזמן החדש, כי שלשה מירים חדשים יטיפו בו את הלמודים הכלליים מהיום והלאה, ומלבד רוסית וחשבון תוטף גם פולנית. אבל התקון העקרי שנעשה בביה"ס הוא, כי הלמודים העבריים, המוטפים ע"י א. ליבושיצקי, יוטפו דוקא בעברית: התלמידים מחויבים לדבר בעת הלמודים העברים רק עברית. מקוה אני כי ההורים העברים החפצים כי שפת-עבר תהיה לחיה בפי בניהם, לא יחמיצו להכניסם אל בית הספר העברי הזה ולתת לו היכלת להיות לבית אולפנא לעם.

בביה"ס יש גם ביבליותיקה לתלמידים, המקבלים ספרי ילדים עבריים וזורנלים רוסיים למקרא חנם.

תלמידים חדשים, מבני שש ומעלה, מתקבלים בכל יום מן השעה התשיעית בבקר עד השלישית אחרי הצהרים. ביה"ס נמצא ברחוב נאוואליפיא נו' 15 דירה 7.

בברכת ציון א. ליבושיצקי.

א מיטטעל געגען זאממער שפריינקלעד!

דער בעסטע און דער ריכטינסטע מיטטעל געגען

זאממער שפריינקלעך

א י ז

קרעם „קאזימי מעטאמארפאזע"

LONDRES MOSCOU
CREME METAMORPHOSA
КРЕМЪ КАЗИМИ
МЕТАМОРФОЗА
ПРОТИВЪ
ВЕСНУШЕКЪ.

מאכט פריש און צארט דיא הויט פאן געזיכט און פערשווינדעט אללע זאממער שפריינקלעך אהנע דען מינדסטען קעננצייכען צו לאססען.

דער הויפטפערקויף פיר רוסלאנד און איסלאנד איז:

Торговый домъ И. Б. Сегаль Вильна
„ „ „ „ „ Одесса.

J. B. SEGAL, WILNA.
„ „ „ ODESSA.

Analysée et approuvée par le Conseil medic.
Poudre Venus
COMPOSÉE PAR
ST. GORSKI VARSOVIE
ST. GÓRSKI VARSOV

Puder ,,Venus"

Pozwolony przez Urząd Lek. g. Warsz.

Puder ,,Venus"

bez szkodliwych pomieszek, przylega subtelnie, niedostrzegalnie.

W blaszanem opakowaniu z podpisem: **St. Górski.** Cena 15, 30, i 50 kop. Sprzedają składy apteczne, perfumeryjne i fryzjerskie.

Główny skład: Leszno Nr. 4.

Uprasza się. o zwrócenie uwagi na nazwę pudru ,,**Venus**" i podpis wynalazey.

ציוניסטען אוהרען.



אהרען אוים איינע דער בעסטען אוהרען-פאבריקען. פראכטפאללעס אויסזעהן, גאראנטירט אויף 6 יאהר פיר דויערהאפטינקייט אונד פינקטליכקייט אהן א שום רעפעראציע.

צו יעדער אוהר ווירד צוגעגעבען גראטים איינע פראכטפאללע קעטטע מים קאמפאס מגן דוד פין עכטען אמעריקאנישען גאלד. די אוהרען ווערדען געשיקט פר. נאכנאהמע נאך עכפאנג 2 רובעל אנגאבע.

מארקע גענצלך געשיצט

פרייז פון ציוניסטען־אוהרען:

שטאהל אנקער איינע זייטע אפפען ערסטער קוואליטעט 9 רובעל.
„ „ „ „ עקסטרא „ 10 „
„ „ בײדע זייטען גערעקט „ „ 11 „
„ „ פיר דאמען 10.50 „

זילבערנע אנקער ביידע זייטען גערעקט:
„ שליסעל אויפצוג עקסטרא קוואליטעט 14 רובעל.
„ רעמאנטואר „ „ 15 „
„ פיר דאמען „ „ 13.50 „

הויפט־ידערלאגע פיר ציוניסטען אוהרען פיר גאנץ רוסלאנד און פאלען איז ביי

ש. בודראצקי, ווארשא, גראניצשנא שטר׳ 6.

Sz. Budrazki, Warszawa, ul. Graniczna 6.

הוצאת חברת אחיאסף

לבני הנעורים!

יצא לאור ספר חדש:

הָאָבִיב

אוסף מאמרים, שירים וספורים

נערך ע"י י. ח. רבניצקי.

לבני הנעורים!

ספר־מקרא יקר בערכו, ערוך ע"פ טעמו וסגנונו לרוח בני הנעורים, לנטוע בלבם אהבה וכבוד לעמנו, לתורתנו ולכל קדשי אומתנו.

וזה תוכן עניניו:

1) פעמי האביב (שיר) ח. נ. ביאליק.
2) מעברות לחרות, בן-עמי.
3) מות משה (שיר), י. ל. ברוכוביץ.
4) המשורר הגוע, ר. בריינין.
5) רעמסס השני, ש ראזענפעלד. (עם תמונת פרעה מלך מצרים).
6) גמדי-ליל (שיר), ח. נ. ביאליק.
7) היתום, א. ר. ראזענטהאל.
8) השמרונים. מ. מ. סילמן. (עם ציור כתב-השמרונים.)
9) לנער (שיר), מ. מ. הורוויץ.
10) אהבת תורה, א"ז ראבינאוויץ.
11) אליהו, דוד ילין.
12) אבי, ש. בן-ציון.
13) מערת-המכפלה. א. ספיר.
14) תקון-חצות (שיר), מ. מ. הורוויץ.
15) לא תגנוב, י. ש. רנצר.
16) מצבת מישע מלך מואב, י. ח. ר.

מחירו 60 קאפ׳, עם פאָרטא 70 קאפ׳.

מכורך 75 קאָפ׳ עם פּאָרטאָ 85 קאָפּ.

Издательство „Ахіасафъ" Варшава.

Пудра Пр. А. Дубровича Варшава, Дикая Н. 42.

Oozwolono przez Urząd Lekarski za № 491
PUDER
Prowizora
A. DUBROWICZA
Warszawa
Dzika № 42.

די פידער איז ערלויבט פון ווארשויער ווראצשעבנא איפראויא פר. נו׳ 491 מיט דיפלאם פון פראפ׳ יאסטרעבאוו און אויך אנדערע בעריהמטע דאקטוירים. די פידער איז אנגענומען אין אלע ווארשויער שפיטעלער. ער נעהמט שנעל אראב לישאיען, וויספקעס, אויסשלאגען אגניקען, אבגעבריהטע ארער אבגעברענטע ערטער, און בעזאנדערס פייכטע וואונדען, אויך פערטרייבט די פודעד שוויים, און איז נוצליך פיר מוהלים און קליינע קינדער.

מיר בעטען זיך צו היטען פון פאלשע נאכגעמאכטע פידער אז אב געבען אויף אונזער מארקע מיט דעם נומער 491.

צו בעקומען אין אלע אפאטהעקען און אפטעצשנע סקלאדען.

Nagrodzona Medalami na wielu Wystawach

PAROWA FABRYKA MUSZTARDY

i SKŁAD OCTU WINNEGO

ALBERTA GLESER

Nowolipie Nr. 17 wprost Skweru.

Poleca Szanownej Publiczności swoje wyroby znane już ze swej dobroci, **hurtowo i detalicznie.**

בעקומען מעדאילען אויף פיעל אויסשטעלונגען

דאמפף פאבריק פון מושטארדע און האנדעל פון וויינעססיג

פון

אלבערט גלעזער

נאוואליפיע נומער 17

געגען סקווער.

עמפפיהלט דעם געעהרטען פובליקום זיינע ארטיקלען, וועלכע זענען בעקאנט מיט זייער גוטקייט.

צו בעקומען אין אלע וויינהאנדלען, קאלאניאלגעשעפטען ווארשט- און פישגעשעפטען.